## **מאַרק וואַרשאַווסקי**


אויפֿן פּריפּעטשיק ........................................................ **2**
די מיזינקע אויסגעגעבן ........................................................ **4**
דעם מילנער´ס טרערן ........................................................ **6**
דער שדכן משה-אהרן ........................................................ **7**
די מחותּנים גייען ........................................................ 10
דער בֿעכער ........................................................ 12
דער זיידע מיט דער באָבע ........................................................ 14
כּלה´ניו, וויין זשע, וויין! ........................................................ 17
דאָס ליד פֿון דעם ברויט ........................................................ 19
דער ווינטער ........................................................ 20
דאָס פֿריילעכע שנײַדערל ........................................................ 21
לשנה הבאה בירושלים ........................................................ 23
ציון ........................................................ 25
שמחת־תּורה ........................................................ 27
גאָט איז אַ פֿאָטער ........................................................ 29
אַ ייִדיש ליד פֿון רומעניע ........................................................ 31
דאָס טרויערליד ........................................................ 33
דער אמת ........................................................ 34
דער חלום ........................................................ 36
שטיי אויף! ........................................................ 39
די טעכטער ציונס זינגען ........................................................ 40
שוואַרצע וואָלקנס זע איך ........................................................ 42
די נאַכט ........................................................ 43
נאָך איר ........................................................ 44
די וועלט ........................................................ 46
דאָ אויף דער פּריזבע ........................................................ 48
דער שטיין ........................................................ 50
אויף דעם אַלטן בית עולם ........................................................ 52
חד־גדיאָ ........................................................ 54
מיט איין בליק ........................................................ 58
די באָבע ........................................................ 59
די באָבע גייט אַ טאַנץ ........................................................ 61
דעם אָדלערס קלאָג ........................................................ 63
אויף קידוש השם ........................................................ 64
נעבן קלײַזל ........................................................ 66
פּסח ........................................................ 68
תּנחום דער טרובאַטש ........................................................ 70
די שיף ........................................................ 74
אַ בריוו פֿון אַמעריקע ........................................................ 76
דער מאַמעס ענטפֿער ........................................................ 78
ווי האַלט איך דאָס אויס? ........................................................ 80
עס זינגט זיך ניט ........................................................ 81
די זון ........................................................ 82
שׂרה און רבֿקה ........................................................ 84
טרערן ........................................................ 86
אויף איר קבֿר ........................................................ 87
וואָס מער ס´בלוטיקט מײַן האַרץ ........................................................ 88
דער פֿאָדעם ........................................................ 89
אויפֿן פּריפּעטשיק ........................................................ 91
דער שדכן משה-אהרן ........................................................ 93

## אויפֿן פּריפּעטשיק

אויפֿן פּריפּעטשיק
ברענט אַ פֿײַערל,
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט
קליינע קינדערלעך
דעם אַלף-בית.

זעט זשע , קינדערלעך,
געדענקט זשע , טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ;
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל,
און טאַקע נאָך אַ מאָל;
קמץ אַלף – אָ!

לערנט, קינדער,
מיט גרויס חשק-
אַזוי זאָג איך אײַך אָן;
ווער ס´וועט גיכער
פֿון אײַך קענען עבֿרי,
דער באַקומט אַ פֿאָן

לערנט, קינדער,
האָט ניט מורא,
יעדער אָנהייב איז שווער;
גליקלעך איז דער,
וואָס האָט געלערנט תּורה-
צי דאַרף דער מענטש נאָך מער?

איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פֿאַרשטיין,
וויפֿל אין די אותיות ליגן טרערן
און ווי פֿיל געוויין ...
אַז איר וועט, קינדער,
דעם גלות שלעפּן,
אויסגעמוטשעט זײַן,

זאָלט איר פֿון די אותיות כּוח שעפּן-
קוקט אין זיי אַרײַן!

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל,
און אין שטוב איז הייס.
און דער רבי לערנט קליינע
קינדערלעך
דעם אַלף-בית.

# די מיזינקע אויסגעגעבן

העכער, בעסער,
די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער,
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט,
גליק האָט ער מיר געבראַכט,
הוליעט, קינדער, אַ גאַנצע נאַכט, -
די מיזינקע אויסגעגעבן !

שלאָגט, קלעזמער, אין די טאַצן -
ווער וועט אַצינד מיך שאַצן ?
אוי-אוי, גאָט איז גרויס,
ער האָט דאָך געבענטשט מײַן הויז,
די מיזינקע גיב איך אויס -
די מיזינקע אויסגעגעבן !

שטאַרקער, פֿריילעך!
דו די מלכה, איך - דער מלך!
אוי-אוי, אין אַליין
האָב מיט מײַנע אויגן געזען,
ווי גאָט האָט מיך מעליח געווען -
די מיזינקע אויסגעגעבן!

דער טרײַער פֿעטער יאָסיע,
און די גוטע מומע סאָסיע,
האָבן מיר צום חתן-מאָל
טײַערע ווײַנען אָן אַ צאָל
מיר געשיקט פֿון ארץ-ישראל, -
די מיזינקע אויסגעגעבן!

מאָטל, שמעון -
די אָרעמע-לײַט זײַנען געקומען!
שטעלט זיי דעם שענסטן טיש,
טײַערע ווײַנען, טײַערע פֿיש!
אוי-וויי, טאָכטער, גיב מיר אַ קיש -
די מיזינקע אויסגעגעבן!

אײַזיק מזיק -
די באָבע גייט אַ קאָזאַק!
קיין עין-הרע, זעט נאָר, זעט,
ווי זי טופּעט, ווי זי גייט,
אוי, אַ שׂמחה, אוי, אַ פֿרייד -
די מיזינקע אויסגעגעבן!

איציק שפּיציק,
וואָס שווײַגסטו מיט דעם שמיציק?
אויך די קלעזמער טו אַ געשריי!
צי שפּילן זיי, צי שלאָפֿן זיי?
רײַסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי -
די מיזינקע אויסגעגעבן!

## דעם מילנער´ס טרערן

אוי, וויפֿל יאָרן
זײַנען פֿאַרפֿאָרן,
זינט איך בין מילנער אָט-אָ דאָ?
די רעדער דרעיען זיך,
די יאָרן געיען זיך -
איך בין שוין אַלט, און גרײַז און גראָ ...

ס´איז טעג פֿאַראַנען,
כ´וויל מיך דערמאַנען,
צי כ,האָב געהאַט אַ שטיקל גליק?
די רעדער דרעיען זיך,
די יאָרן געיען זיך -
קיין ענטפֿער איז ניטאָ צוריק ...

כ´האָב געהערט זאָגן,
מע וויל מיך פֿאַריאָגן
אַרויס פֿון דאָרף און פֿון דער מיל,
די רעדער דרעיען זיך,
די יאָרן געיען זיך -
אוי, אָן אַן עק און אָן אַ ציל ...

ווּ וועל איך ווינען,
ווער וועט מיך שוינען? -
איך בין שנין אַלט, איך בין שוין מיר,
די רעדער דרעיען זיך,
די יאָרן געיען זיך
און אויך מיט זיי גייט אויס דער ייִד.

## דער שדכן משה-אהרן

וואָס האָט מען דאָ די וועלט צו נאַרן
און צו ריידן אַזוי פֿאַרשטעלט -
איך בין דער שדכן משה-אהרן,
און ס´שמט מיט מיר די וועלט.
מיך קען אי רײַך, מיך קען אי אָרעם,
איר קענט מיר גלייבן אויף מיין וואָרט,
אַז איר וועט פֿאָרן קיין צפֿון אָדער דרום -
טרעפֿט איר מיך תּמיד אויף מײַן אָרט.

אין די פּערעדניעס האָב איך פֿײַנט צו אַרן,
ס´מעג בײַם גרעסטן נגיד זײַן!
"ר´ משה-אהרן, ר´ משה-אהרן,
איך בעט אײַך, קומט אין זאַל אַרײַן!"
דאָ גיי איך מיט דעם קאַפּעליוש נאָך רער מאָדע,
דאָס העלפֿט צום שידוך גאָר אַ סך - .
הייבן חייב איך אָן צו פֿון דער פּאַגאָדע,
דערנאָך גיי איך איבער צו דער זאַך.

דאָ מוז מען וויסן ווי צו דרייען דעם שליסל,
אָט דאָס פֿאַרשטיי איך אַקוראַט,
דאָ מוז מען זײַן אַ דאָקטער אַ ביסל,
און טאַקע אַ שטיקל אַדוואָקאַט.
דאָ מוז מען וויסן אַלע סעקרעטן
און ווי דער דײַטש זאָגט: "זײַ ניכט דום!"
נעם איך אַרויס אַלע פּאָרטרעטן
און צעלייג מיך מיט מײַן קראָם...

נומער איינס: קוקט מיט מײַנע אויגן,
קיין מאָל ערגער זאָל ניט זײַן:
זי האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט דעם עלנבויגן,
קלוימערשט קוקט זי אין בוך ארײַן.
דאָ מעג מען אײַנשטעלן דאָס לעבן,
מען דאַרף נאָר האָבן אַ ביסל קוראַזש,
דאָ גיט מען פּופּציק טויזנט, כ´לעבן,

און אַ קוואַרטיר אין בעל-עטאַזש...

וואָס זאָגט איר עפּעס אויף דעם אַנטיקל,
אין אירע אויגן איז דאָ חן אַ סך,
איך וואָלט מיר גענומען אָט דאָס שטיקל,
איך זאָל זײַן אַ בחור, שווער איך אײַך...
נאָר זי איז משגע מיסתּמא,
איך קאָן איר ניט צוטרעפֿן אַקוראַט:
איך האָב איר געבן אַ דאָקטער, שרײַט זי: "מאַמע!
ניין, איך וויל דווקא אַ קאַנדידאַט!"

האָב איך איר אַ קאַנדידאַט געפֿונען,
איך האָב אים אויסגעקראַצט פֿון ארץ-ישראל -
שרײַט זי: "מאַמע"! - זי איז פֿון דעם זינען -
זי וויל ביידע מיט אַ מאָל ...

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, גלייבט מיר אַלע,
ס´מאַכט זיך, איך ווער פּשוט צעדולט:
דאָ גיב אַ חתן, דאָרט אַ כּלה,
יענעם שיק צוריק דאָס בילד...
טאַטעניו! ביז מען דערלעבט צו הערן,
אַז חתן-כּלה האָבן זיך געזען,
קאָן מען גיכער משוגע ווערן
און פֿאַרלירן אַלע ציין ...

די קאָן נישט פֿאָרן - זי האָט באַקומען דעם קאַטאַר,
בײַ אים האָט זיך צעבראָכן אין וועג אַ ראָד,
די וויל זיך מיט אים זען אין טעאַטער,
...די אַנדערע - אין אויסלאַנד, אין אַ באָד
וואָס טויג אײַך דאָס פֿאָרן און דאָס ריפּען -
וואָלט דער ניט, כ´לעבן, בעסער געווען
לאָזן זיי גיכער שטעלן אַ חופּה
און זען וועלן זיי שוין במילא זען.

און אַז דער שידוך איז געלונגען
און איך האָב אין אים גאָר פֿאַרגעסן גאָר,

הייבן זיי מיך אָן גוט באַזינגען
און צו פֿאַרשעלטן מײַנע יאָר...
זיי הייבן זיך אָן בײַ די קעפּ צו רײַסן
און צו פֿאַרשעלטן דאָס געביין ...
לאָזן זיי זיך רײַסן, לאָזן זיי זיך בײַסן,
לאָזן זיי זיך אַרויסנעמען די ציין...

צי ווייסן זיי ניט, אַז גאָט זיצט אויבן
און פֿירט אונטן מיט זײַן גרויסער האַנט,
און מיך האָט ער צו דער מדרגה רערהויבן,
איך זאָל זײַן אַ שדכן אין גאַנצן לאַנד.

זײַט מיר געזונט, און טאַקע אַלע,
מיר וועלן זיך נאָך זען מן-הסתּם,
אַז איר וועט דאַרפֿן אַ חתן אָדער אַ כּלה,
קלאַפּט צו מיר אַ טעלעגראַם;
מיר וועלן, כ׳לעבן זיך ניט נאַרן -
איך האָב די סחורה, איר דאָס געלט...
איך בין דער שדכן משה-אהרן,
און ס׳שעמט מיט מיר די גאַנצע וועלט ...

## די מחותּנים גייען

מחותּנים גייען, מחותּנים גייען,
מחותּנים גייען! קינדער,
קינדער, לאָמיר זיך פֿרייען, שאַט נאָר, שאַט!
דער חתן איז גאָר אַ ווונדער -
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתנ׳ס צד!

רעפֿרען:
דזיאַם־דזיאַם, דזיאַם־דזיאַם!
דזיאַם־דזיאַם, דירידי, רידיראַם!
טידל־לידל, לידל־לידל,
דזיאַם־דזיאַם, רידי־דיראַם!
מחותּנים גייען אַלע,
אַ טענצעלע אין איינעם געשווינד;
אוי, זעט נאָר, זעט נאָר, קינדער,
ווי זיי טופּען, ווי זיי טאַנצן אַצינד!
דזיאַם־דזיאַם!

מחותּנים גייען, מחותּנים גייען,
אָט גייט דער פֿעטער מענדיק -
מיט וואָס האָבן מיר פֿאַרזינדיקט?
שאַט נאָר, שאַט!
ער בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק -
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתנ׳ס צד!

רעפֿרען: דזיאַם ...

מחותּנים גייען, מחותּנים גייען,
אָט גייט דער פֿעטער קנה,
מיט דער מומע חנה, שאַט נאָר, שאַט!
דאָס איז די בעסטע מתּנה -
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתן׳ס צד!

רעפֿרען: דזיאַם ...

מחותּנים גייען, מחותּנים גייען!
אָט גייט די שוועסטער פֿריידל,
נעמט זי אין רעדל, שאַט נאָר, שאַט!
זי דרייט זיך ווי אַ דריידל -
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתן´ס צד!

רעפֿרען: דזיאַם ...

מחותּנים גייען, מחותּנים גייען,
רב אֶלי, דעם חתן´ס פּעטער,
דאָס בײַכל גלעט ער, שאַט נאָר, שאַט!
ער איז פּעטער פֿון אַלע פּעטערס -
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתן´ס צד!

רעפֿרען: דזיאַם ...

מחותּנים גייען, מחותּנים גייען,
נעמט ביי די הענט זיך אַלע,
דער חתן מיט דער כּלה, שאַט נאָר, שאַט!
גאָט זאָל זײַן ממלא -
דעם חתן´ס און דער כּלה´ס צד !

רעפֿרען: דזיאַם ...

## דער בּעכער

טײַערע מלכּה,
געזונט זאָלסטו זײַן,
גיס אָן אין בעכער,
אין בעכער דעם ווײַן!

בים־באָם, בים־באָם,
בים־באָם, בים־באָם!

פֿון דעם דאָזיקן בעכער -
ער גלאַנצט אַזוי שיין! -
האָט געטרונקען מײַן זיידע,
מײַן זיידע אַליין ...

בים־באָם ...

געווען שלעכטע צײַטן,
ווי ס׳מאַכט זיך אַ מאָל,
נאָר דעם בעכער האָט ער געהאַלטן
אײַזן און שטאָל!

בים־באָם ...

ער האָט משׂמח געווען די קינדער -
באַקענט איז דאָס דיר -
פֿונעם טאַטן איז דער בעכער
געקומען צו מיד!

בים־באָם ...

טײַערע מלכּה,
געזונט זאָלסטו זײַן!
פֿאַר וועמען זאָל איך טרינקען
דעם דאָזיקן ווײַן?

בים־באָם ...

לחיים וועל איך טרינקען
פֿאַר דעם פּינטעלע ייִד,
וואָס מוטשעט זיך תּמיד
און ווערט קיין מאָל מיד!

בים־באָם ...

לחיים וועל איך טרינקען,
און טאַקע אָן אַן עק,
פֿאַר די וואָס זײַנען געפֿאָרן
אויף אייביק אַוועק! ...

בים־באָם ...

איך וואָלט טרינקען פֿאַר מײַנע שׂונאים -
נאָר זאָג זיי ניט אויס!
קוק, טרערן שפּריצן פֿון בעכער,
פֿון בעכער אַרויס ...

בים־באָם ...

זינגט העכער און העכער:
גאָט, דו ביסט גרויס!
באַהאַלט, מלכּה, דעם בעכער -
דאָס לידל איז אויס! ...

בים־באָם, בים־באָם,
בים־באָם, בים־באָם!

## דער זיידע מיט דער באָבע
(אַכציק ער און זיבעציק זי)

ס׳איז הײַנט אַקוראַט געוואָרן פֿופֿציק יאָר,
אַז זיי לעבן זיך אין איינעם, דאָס אַלטע פּאָר;
זיי האָבן זיך געעלטערט - קוקט אײַך צי!
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

באָטש דער זיידע מיט דער באָבן זײַנען קורץ און קליין,
נאָר דער זיידע מיט דער באָבן זײַנען מלא חן:
ער מיטן שפּיצעכיקן בערדעלע, מיטן גוידערל זי -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

גאָט האָט זיי מיט עושר און מיט כּבֿוד באַגליקט,
אין לעבן האָבן זיי זיך קיין מאָל ניט געקריגט:
נאָר "נאָטעלע", נאָר באָבעלע רופֿן זיי זיך צי -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

זיי זײַנען היינט געגאַנגען ביידע אין שיל
און האָבן דאָרטן טאַקע געדאַוונט פֿיל:
גאָט האָט זיי געהאָלפֿן - ברוך הוא -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

פֿון דער שול זײַנען זיי אַהיים געגאַנגען גלײַך,
אויפֿן טיש איז שוין געשטאַנען לעקעך אַ סך,
און די אייניקלעך האָבן געוואַרט שוין פֿון אין דער פֿרי -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

דער זיידע האָט זיך געוואַשן פֿון דער זילבערנער טאַץ,
אויפֿגעגעסן האָט דאָס אייניקל, איך זאָג אײַך, אַ שאַץ,
יענטעלע די שוואַרצחנעוודיקע, אָט־אָ די -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

דער עולם האָט זיך, קיין עין־הרע, געזעצט צום טיש,
און אַז מע האָט אויפֿגעגעבן די פֿײַערדיקע פֿיש,
האָט אַ דרשה געזאָגט רב הערשעלע־צבֿי -

אַכציק ער, און זיבעציק זי.

ווי דער זיידע איז געווען תמיד אַ פֿרומער ייִד,
ייִדן טון גוטס איז ער קיין מאָל ניט מיד,
דערפֿאַר העלפֿט אים גאָט אי שפּעט אי פֿרי -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

און ווי די באָבע איז געווען אַ ווײַבעלע מלא־חן,
דאָס צירונג פּאַסט איר נאָך איצטער, זאָגט אַליין!
די באָבע האָט געטאָן אַ שמייכל דערצי -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

דער עולם האָט גענומען צו ביסעלעך ווײַן
און דעם זיידען מיט דער באָבען אין ראָד אַרײַן,
די אייניקלעך האָבן געפּליעסקעט צי -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

מע האָט געזען, דער עולם זאָל זיך פֿרי ניט צעגיין,
דער פֿעטער לייבוש האָט זיך געלאָזט אַ קאָזאַק אַליין,
די מומע סאָסיע איז געגאַנגען אַקעגן אויף איין קני -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

אַזוי האָבן זיי געהוליעט ביז האַלבער נאַכט,
- באָבעלע, - זאָגט דער זיידע, - אַ גוטע נאַכט!
- שלאָף מיר געזונט און דעק דיך גוט צי! -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

דער זיידע איז געווען שוין זייער אַלט,
איז ער אַנטשלאָפֿן געוואָרן באַלד ...
די באָבע האָט ניט געקאָנט מאַכן די אויגן צי -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

זי האָט זיך דערמאַנט, אָט־דאָ ליגנדיק אין בעט,
ווי מע האָט איר נאָטען פֿאַר אַ חתן גערעדט,
אַ מופֿלג איז עד געווען און שיין דערצי -
אַכציק ער, און זיבעציק זי.

די באָבע האָט אָנגעהויבן דרימלען מיט אַ מאָל,
איר חלום וועל איך אײַך דערציילן אַן אַנדערש מאָל ...
לאָמיר זיי שוין ביידע לאָזן צו רו
אַכציק ער, און זיבעציק זי ...

## כּלה׳ניו, ווײַן זשע, ווײַן!

דו ביסט דעם חתן געפֿעלן,
וואָרעם דו ביסט דאָך שיין און פֿײַן;
באַלד וועט מען די חופּה שטעלן,
באַלד וועט די חופּה זײַן.
אוי, אַ נייע וועלט וועסטו דערזען,
עפּעס זאָגט מען, זי איז זייער שיין,
נאָר איך ווייס ניט, צי דאַרפֿסטו זיך פֿרייען -
כּלה׳ניו, ווײַן זשע, ווײַן! ...

דו וועסט זיך תּמיד דערמאָנען,
וואָס דו האָסט קינדווייז געפֿילט:
אָט דאָ ביסטו געשטאַנען,
אָט דאָרטן האָסט זיך געשפּילט ...
די יונגע יאָרן פֿאַרשווּעכן,
זיי קומען צוריק נישט צו גיין,
אַזוי פֿאַרגייט אונדזער לעכן -
כּלהניו, ווײַן זשע, ווײַן! ...

אַז דײַן מאַן וועט טרערן פֿאַרגיסן,
פֿאַרביטערט וועט זיין דאָס האַרץ,
זאָלסטו אים זיין לעבן פֿאַרזיסן,
פֿאַרגרינגערן זיין שמאַרץ!
דיינע קינדערלעך זאָלסטו געבן
אונדזער אומגליק גוט צו פֿאַרשטיין;
אַז וויינען הייסט ביי אונדז לעבן ...
כּלהניו, ווײַן זשע, ווײַן! ...

דעם חתן פֿירט צו דער כּלה,
באַשיט אים מיט בלומען גיך!
אָט וועלן מיר בעטן אַלע,
ער זאָל דיר זיין מצליח!
ווּ דו וועסט זיך ווענדן און קערן,
זאָל גאָט פֿאַר דיר תּמיד שטיין,
ער זאָל דײַנע טרערן דערהערן -

כלהניו, וויין זשע, וויין! ...

## דאָס ליד פֿון דעם ברויט

גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער -
אונדזער הילף ביסטו אַליין!
נעמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין!

לאָז די זון אונדז ברענען, בראָטן,
זי האָט אונדז געשיינט צום גליק;
זעט, דאָס ברויט איז אונדז געראָטן
קינדער, קיין מאָל ניט צוריק!

גרויסער גאָט, דו העלפֿסט דעם מענטשן,
ווען ער רופֿט צו דיר אין נויט,
זאָלסט אונדז ווײַטער טאַקע בענטשן
מיט הצלחה און מיט ברויט!

נעמט צונויף אייך אַלע אין איינעם,
נחת האָבן מיר שוין פֿיל,
און דעם גאָלדענעם קראַנץ דעם שיינעם
פֿון די זאַנגען טראָגט אין שיל!

לאָזן אונדזערע קינדער וויסן
פֿון אַ לעבן אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט און יעדער ביסן
איז פֿון אונדזער אייגן פֿעלד!

## דער ווינטער

אוי, העלפֿט מיר, קינדער, אונטער,
קיין כּוחות איז ניטאָ!
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ!

ער פֿרעגט קיינעם קיין דעות,
ער קומט צו זיך אַהיים,
מיט ווייסע באָרד־און־פּאות,
מיט דער ווייסער, גראָער ברעם.

דורך טאָל און וועלדער יאָגט ער,
געהויקערט צו דער ערד;
מיט זיך אַ בעזעם טראָגט עד
און קערט, און קערט, און קערט...

מיט שניי געבעט די פֿעלדער,
פֿאַרפֿרוירן שטייט דער וואַלד;
די פֿעלדער און די וועלדער
זיי ברומען: "קאַלט, ס´איז קאַלט!"

אין בעט ליגט קראַנק מיין שיינדל,
מיט איר - דאָס קליינע קינד;
ניטאָ אין שטוב קיין שפּענדל,
אין פֿענצטער וויינט דער ווינט...

ער שוויַגט, דער אַלטער זיידע,
ער מאַכט זיך נישט פֿון דעם;
ער לאַכט אין פֿויסטן ביידע
און שאָקלט מיט דער ברעם...

ער וויל קיינעם ניט שוינען,
כאָטש שריַ, כאָטש וויין אָן שיעור;
ווו צער און עלנט ווינען,
דאָרט קלאַפּט ער אין דער טיר ...

# דאָס פֿריילעכע שנײַדערל

אַז די יום־טובֿדיקע טעג הייבן אָן זיך צו באַווייזן,
ווער איך בײַ זיך אַ גדול;
איך לייג מיר אַוועק מיין שער און מײַן אײַזן
און וווּ איך האָב אַ נאָדל.
אויפֿגעהערט נייען, אַרבעט זוכן,
האַרצעדיקער טאַטע!
אַ גלעזעלע ווײַן אום יום־טופֿ צו פֿאַרזוכן,
איז בעסער ווי צו לייגן אַ לאַטע...

אַז דער יום־טאָבֿ קומט, ווערט מיר אַ ביסל
פֿריילעכער אויף דער נשמה;
און בפֿרט אַז גאָט גיט, ס´איז דאָ אין דער שיסל,
ווערט דאָך דאָס לעבן אַ נחמה...
דאָס האַרץ איז זיך פּשוט טאַקע מחיה,
ניטאָ קיין הריזאָטע;
מיין חנה´לה טוט אָן מלכושים נייע
און איך - די נײַע קאַפּאָטע...

די קינדערלעך - זאַט, ס´איז פּשוט אַ חידוש,
זיי שפּילן אין אקח און מקח ...
נאָך דער שיל מאַך איך אַ גוטן קידוש
און פֿאַרבײַס מיט קאָרענעם לעקעך.
צו די פֿיש האַב איך נישט קיין טענות,
זיי זײַנען גוט געפּעפֿערט און געזאַלצן, -
אַז מע נעמט זיי אין מויל - לעבן זאָל חנה! -
ווערן זיי ממש צעשמאָלצן...

דאָס גלעזעלע ווײַן איז לויטער, ווי דער הימל,
און וואַרעמט, ווי אַ פּעלץ אין ווינטער:
נאָך דעם בענטשן כאַפּ איך אַ גוטן דרימל,
מיין חנה´לה כאָרכלט אונטער...
דאַן כאַפּ איך מיך אויף - ס´איז נישט קיין וווּנדער -
מע טאָר ניט קיין צײַט פֿאַרלירן:
נעם איך מיר מיין חנה´לה מיט ביידע קינדער

און גיי מיר אויפֿן שליאַך שפּאַצירן.

אַז די יום־טובֿדיקע טעג הייבן אָן צו פֿאַרגיין,
האַרצעריקער טאַטע!
ווידער שנײַדן, ווידער נייען
און ווידער לייגן אַ לאַטע...
ווידער ציט זיך דאָס אַלטע לעבן,
צי האָסטו ניט װאָס צו פֿאַרבײַסן?...

# לשנה הבאה בירושלים

צי ווייסט איר, ווי עס הייסט דאָס אָרט?
די זון גייט קיין מאָל ניט אונטער דאָרט,
איך וועל אייך זאָגן מיט איין וואָרט:
ציון הייסט דאָס אָרט.

שרײַט זשע, קינדער, צום בּורא שמים:
"לשנה הבאה בירושלים!"

איר זעט דאָך, קינדער, מן הסתּם:
די זון, זי שפּיגלט זיך אין ים;
דאָס שפּיגלט זיך אונדזער גליק -
גייט נאָר טוט אַ קיק!

שרײַט זשע, קינדער...

דערמאָנט אייך, קינדער, נאָר אין דעם,
אַז מיר וועלן זיין אין אונדזער היים,
וועט זיך ניט גיסן קיינמאָל ניט
קיין יִדיש, יִדיש בליט!

שרײַט זשע, קינדער...

אין ציון, אונדזער הייליק אָרט,
וועלן מיר בלומען זייען דאָרט,
ביימער ביזן הימל הויך
און אתרוגים אויך!

שרײַט זשע, קינדער...

פֿילן וועלן מיר ניט קיין נויט,
גאָט וועט אונדז געבן תּמיד ברויט;
יעדעס פֿעלד מיט ברויט באַשיט -
גיט קיין עין־הרע ניט!

שרײַט זשע, קינדער...

אַז אַ פֿרעמדער וועט קומען אין אונדזער לאַנד,
וועלן מיר אים פֿרײַנטלעך געבן די האַנט;
נאָר דער קען יענעמס צער פֿאַרשטיין,
ווער עס האָט געליטן אַליין!

שרײַט זשע, קינדער...

## צִיון

פֿון דער היים פֿאַריאָגט, פֿאַרטריבן,
און אין האַרצן מיט אַ ווינד,
בין איך אַליין דאָ פֿאַרבליבן
אָן אַ קינד און אָן אַ רינד.
אַלע זײַנען זיך צעפֿאָרן,
דער אַהער און דער אַהין,
און אויף מײַנע אַלטע יאָרן
זינג איך מיר אַ ליד פֿון ציון.

ציון, ציון, גרויסער נאָמען,
ציון, ציון, הייליק וואָרט!
אַלטע ביימער, שיינע בלומען
וואַקסן אויף דיין הייליק אָרט.
ציון, דו וועסט אייביק בליען,
גרויסער גאָט דו ביסט אין ציון!
ציון, דו ביסט גרויס ביי גאָט.

גרויסער גאָט, זאָלסט מיר באַשערן
צוצופֿאַלן צו דײַן ערד,
און פֿאַרגיסן הייסע טרערן,
אויב איך בין בײַ דיר דאָס ווערט;
צוצופֿאַלן צו די קבֿרים,
צו דער וואַנט פֿון דעם געוויין...
אוי, כ´בין אָבער אַלט און אָרעם,
ציון וועל איך שוין ניט זען...

כ´וועל פֿאַר אייך דאָ, קינדער, בעטן
גאָט דעם זיסן פֿרי און שפּעט,
ער זאָל אייך אַהין באַגלייטן,
ווי ער האָט אונדז אַמאָל באַגלייט;
און אין ציונ´ס גרויסן נאָמען,
און אין ציונ´ס הייליק וואָרט,
נייע ביימער, נײַע בלומען
זאָל ער לאָזן וואַקסן דאָרט!

אַז איך וועל אין קבֿר ליגן,
וועט אַ פֿייגעלע צופֿליען,
און וועט זינגען אָט דעם ניגון
און דאָס לידעלע פֿון ציון:
ציון, ציון, גרויסער נאָמען!
ציון, ציון, הייליק וואָרט!
כ׳האָב פֿון דאָרט געבראַכט די בלומען,
און אַ צווײַגעלע פֿון דאָרט.

"אָט דאָס צווייגעלע דאָס גרינע,
האָב איך דיר פֿון דאָרט געבראַכט,
ווּ עס שיינט אונדזער אמונה,
אונדזער קרוין און אונדזער פּראַכט.
דאָרט איז קיין מאָל ניט קיין קעלט,
ווײַל די זון גייט דאָרט ניט אונטער
און באַשײַנט די גאַנצע וועלט!...

## שמחת־תּורה

קינדער, מיר האָבן שמחת־תּורה,
שמחת־תּורה אויף דער גאַנצער וועלט!
תורה איז די בעסטע סחורה -
אַזוי האָט דער רבי מיט אונדז געקנעלט.

רעפֿרען:
אוי־וויי, אוי־אוי־אוי!
פֿריילעך, קינדער, אָט אַזוי!
רענדלעך שיטן זיך פֿון די זעק -
פֿריילעך אָן אַן עק!

כאָטש איך בין מיר אַן אָרעם ייִדל,
און עס דאַרט מיר גוט דער מוח,
שמחת־תּורה זינג איך אַ לידל
און מאַך אַ גוטע כּוסע אויך...

רעפֿרען: אוי־וויי, ...

דבֿורה, גיב מיר די נײַע קאַפּאָטע,
איך וועל זי אָנטאָן טאַקע אַצינד,
אין וויל דיר זאָגן: אַלצדינג איז בלאָטע,
אַבי מ´איז, ברוך־השם, געזונט! ...

רעפֿרען: אוי־וויי, ...

דבֿורה, גיב זשע נאָך אַ גלעזל
פֿון דעם ינם־טובֿדיקן ווײַן!
וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט דאָס נעזל? -
אַ רוח אין מײַנע שׂונאימס טאַטן אַרײַן!

רעפֿרען: אוי־וויי, ...

אוי־וויי, דבֿורה, וואָס האָסטו מורא? -
כ´בין אַ ביסל פֿריילעך, כ´קאָן ניט שטיין? -

דבֿורה־לעבן, אום שמחת־תּורה
ווער איז ניט פֿריילעך, זאָג אַליין!

רעפֿרען: אוי־וויי, ...

צי עס דרייען זיך מיט מיר די גאַסן?
צי עס דרייט זיך מיט מיר די שטוב?
דבֿורה, אָט האָסטו באמת געגאָסן -
לעבן זאָלסטו, דאָס לעבן איז ליב!...

רעפֿרען: אוי־וויי, ...

שמחת־תּורה - פֿון גאָט אַ מתּנה -
זאָל אונדז תּמיד הייליק זײַן!
אפֿילו די שטערן מיט דער לבֿנה
זײַנען געגאַנגען טרינקען ווײַן ...

רעפֿרען: אוי־וויי, ...

קינדער, מיר האָבן שמחת־תּורה,
שמחת־תורה אויף דער גאַנצער וועלט!
תורה איז די בעסטע סחורה -
אַזוי האָט דער רבי מיט אונדז געקנעלט.

רעפֿרען: אוי־וויי, ...

## גאָט איז אַ פֿאָטער

כאָטש כ׳בין פֿאַרשאָלטן דאָ פֿון יעדן,
אוי, אוי, אוי!
כאָטש כ׳לעב אין צרות און אין לײַדן,
אָט אַזוי!
נאָר ווי פֿאַרן עמוד
זינג איך תּמיד:
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

איר שלאָגט מיך מיט אײַזערנע ריטער,
אוי, אוי, אוי!
איר מאַכט מײַן לעבן שווער און ביטער,
אָט אַזוי !
נאָר בנאמנות
ס׳איז אָן ספֿקות
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

איר מעגט מיך מוטשען, מיר דערקוטשען,
אוי, אוי, אוי!
מיך שלאָגן, יאָגן, שטעכן, ברעכן,
אָט אַזוי!
אוי ווײ, אוי ווײ!
גם זו לטובה,
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

איך קאָן קיין ברויט די קינדער געבן,
אוי, אוי, אוי!
ס׳איז גאָר אַ וווּנדער ווי זיי לעבן,
אָט אַזוי!
אוי, ניטע, קינדער,
ס׳איז ניט קיין וווּנדער:
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

צי׳ז אונדזער מזל שוין באַגראָבן,
אוי, אוי, אוי!

צי וועלן מיר אויף שבת האָבן,
אָט אַזוי!
אוי, דבֿורה לעבן,
גאָט וועט געבן:
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

דער פֿעטער פּסח קומט צו לויפֿן,
אוי, אוי, אוי!
גיי, פּרוּוו אויף יום־טובֿ מצות קויפֿן,
אָט אַזוי!
אוי, דבֿורה, דבֿורה,
האָב ניט מורא:
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

דער ווינטער איז מיט כּעס געקומען,
אוי, אוי, אוי!
צוויי שײַטלעך האָלץ ווּ וועלן מיר נעמען,
אָט אַזוי!
וואָס הער איך וועלטן,
פֿרעסט און קעלטן? -
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

דו ווייסט דער ווינטער וועט פֿאַרפֿליִען,
אוי, אוי, אוי!
איך זע, די זון גייט־אויף אין ציון,
אָט אַזוי!
פֿון הייסע טרערן
וועט וואַרעם ווערן -
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!
פֿון הייסע טרערן
וועט וואַרעם ווערן -
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

## אַ ייִדיש ליד פֿון רומעניע

אַז מען צאַפּט פֿון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מען מוטשעט מיך פֿאַמעלעך,
לאַך איך מיך גוט פֿון מײַנע שׂונאים אויס
און גיי מיר גאָר אַ פֿריילעך!
איך טאַנץ ווי דער חתן מיט דער כּלה -
פֿליעסקעט, פֿליעסקעט, אַלע!

אַז מען צאַפּט פֿון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מען מוטשעט מיך פֿאַמעלעך,
לאַך איך מיך גוט פֿון מײַנע שׂונאים אויס
און גיי מיר גאָר אַ פֿריילעך!

ס´איז געווען אַמאָל אַן ערגערע צײַט,
גלײַבט מיר, בנאמנות.
פֿון דעם טויט זײַנען מיר געווען ניט ווײַט,
נאָר גאָט האָט געהאַט רחמנות:
געשלאָגן האָט ער אַלע כלאָפּעס,
געפֿאַלן זײַנען זיי ווי סנאָפּעס ...

ס´איז געווען אַמאָל אַן ערגערע צײַט,
גלײַבט מיר, בנאמנות.
פֿון דעם טויט זײַנען מיר געווען ניט ווײַט,
נאָר גאָט האָט געהאַט רחמנות:

אַוודאי איז אונדז געווען גוט ...
וואָס האָט מען דאָ צו קלערן -
מע האָט זיך געבאָדן אין אונדזער בלוט
און אין אונדזערע טרערן.
נאָר ייִדישע זין און טעכטער
האָבן געמאַכט פֿון דעם אַ געלעכטער!

אַוודאי איז אונדז געווען גוט...
וואָס האָט מען דאָ צו קלערן -
מע האָט זיך געבאָדן אין אונדזער בלוט

און אין אונדזערע טרערן.

לאָז מען מוטשען מיך אפֿילו מער
זאָג איך דיר צו, אוי, פֿאָטער,
איך וועל ניט פֿאַרגיסן קיין איינציקן טרער,
איך הער זיי ווי דער טאָטער!
זאָגט, וואָס האָב איך מורא? -
גאָט איז אונדזער תּורה!

לאָז מען מוטשען מיך אפֿילו מער
זאָג איך דיר צו, אוי, פֿאָטער,
איך וועל ניט פֿאַרגיסן קיין איינציקן טרער,
איך הער זיי ווי דער טאָטער!

וואָס־זשע דאַרף מען, ברידער, אומעטיק זײַן?
עס איז אַן עבֿרה, כ׳לעבן, אַ גרויסע -
אַמער טראָגט אַרײַן אַן עמער ווײַן,
לאָמיר בעסער מאַכן אַ כּוסה!
זיך מוטשען און זינגען לידער -
פֿליעסקעט, פֿליעסקעט, ברידער!

וואָס־זשע דאַרף מען, ברידער, אומעטיק זײַן?
עס איז אַן עברה, כ׳לעבן, אַ גרויסע -
אַמער טראָגט אַרײַן אַן עמער ווײַן,
לאָמיר בעסער מאַכן אַ כּוסה!

## דאָס טרויערליד

זינגער: קאַלט אין יעדן אבר,
פֿינצטער ווי אין קבר,
הונגער, צער און נויט ...
שוואַרצע וואָלקנס שוועבן,
שוואַרץ איז אונדזער לעבן ...
אוי, דאָס איז דער טויט!

כאָר: לאָמיר, ברידער, שלעפּן,
לאָמיר, ברידער, שלעפּן
דעם גלות, ווי ער איז גרויס!
ביז די שעה וועט שלאָגן,
ביז די שעה וועט זאָגן,
אַז דאָס ליד איז אויס!

זינגער: גרויס איז אונדזער ליידן,
צער אונדזער גן־עדן
און אין צרות רייך.
גיסט אייך, גיסט אייך, טרערן,
באַלד וועט פֿון אייך ווערן
בלוט אַ גאַנצער טייך.

כאָר: לאָמיר, ברידער ...

## דער אמת

לאָמיר דעם אמת, ברידער, זינגען,
ווײַט, הויך זאָל אויף דער וועלט ער קלינגען!
אויף אמת שטייט דאָס גאַנצע לעבן,
דעם אמת האָט אונדז גאָט געגעבן!
-אמת! אמת!
דעם אמת האָט אונדז גאָט געגעבן!

דער אמת איז די הייליקע תּורה -
זאָגט הויך דער וועלט דאָס וואָרט אָן מורא;
ווי באַלד דער מענטש וועט בעסער ווערן,
וועט אויך די גאַנצע וועלט דאָס שווערן.
-אמת! אמת!
וועט אויך די גאַנצע וועלט דאָס שווערן.

אוי, וויפֿל טרערן איז פֿאַרגאָסן!
אוי, וויפֿל טייכן בלוט געפֿלאָסן!
נאָר פֿאַר דעם טויט און אונטער שטיינער
בלײַבט אונדזער שירה: גאָט איז איינער!"
- אמת! אמת!
בלײַבט אונדזער שירה: "גאָט איז איינער!

דאָס ווייס דער מענטש, דאָס ווייס דער מינדסטער:
אָן אמת איז דאָס לעבן פֿינצטער,
אָן אמת איז דער מענטש אַ קרבן,
אָן אמת איז ער ווי געשטאָרבן!
- אמת! אמת!
אָן אמת איז ער ווי געשטאָרבן!

כאָטש ווײַט פֿאַריאָגט, כאָטש ווייט פֿאַרטריבן,
דער אמת איז אונדז פֿאָרט געבליבן,
ער איז פֿאַר אונדז אַ קול מבֿשר,
ער קומט ווי בוימל אויף דעם וואַסער.
- אמת! אמת!
ער קומט ווי בוימל אויף דעם וואַסער,

לאָמיר דעם אמת, ברידער, זינגען,
ווײַט, הויך זאָל אויף דער וועלט ער קלינגען!
אויף אמת שטייט דאָס גאַנצע לעבן,
דעם אמת האָט אונדז גאָט געגעבן!
-אמת! אמת!
דעם אמת האָט אונדז גאָט געגעבן !

## דער חלום

1. דאָרטן אונטער דעם בוים,
שלאָפֿט זיך רויִק דער ייִד.
אוי, זײַן פּנים איז שוואַרץ,
יעדער אבֿר איז מיד;
יעדער אבֿר איז מיד
און צעבלוטיקט די פֿיס ...
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי שטאַרק,
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי זיס...
ער איז איצטער אין וועג,
אי בײַ טאָג, אי בײַ נאַכט,
ער איז איצטער אין וועג,
אי פֿאַרשטויבט, אי פֿאַרשמאַכט,
יעדער אבֿר איז מיד
און צעבלוטיקט די פֿיס,
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי שטאַרק,
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי זיס.

רעפֿרען:
ניטע, וועקט אים ניט אויף -
ווייל דעם אָרעמען ייִדן!
גייט פֿאַרבײַ! גייט אַוועק!
לאָזט אים רוען צופֿרידן!
אין שלאָף פֿילט ניט פֿער מענטש
אַזוי ביטער דעם שמאַרץ,
אין שלאָף רוט די נשמה,
דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ ...

2. און עס חלמט זיך אים:
גרינע פֿעלדער אין טאָל,
בלומען בליִען אויף זיי
אָן אַן עק, אָן אַ צאָל,
און וואָס טיפֿער ער גייט,
אי וואַלד־אויס, אי וואַלד־אײַן,
שיינט די זון אויף אים מער,

מיט איר פּראַכט, מיט איר שײַן,
ער דערמאָנט זיך אַצינד
אין אַמאָליקער צײַט,
וויפֿל צער, וויפֿל לײַד,
ער האָט, נעבעך, געהאַט...
ס׳איז פֿאַרשוווּנדן די צײַט
און פֿאַרווייט ווי דער רויך...
און די זון, נאָר זי שיינט,
און זי שפּיגלט זיך הויך.

רעפֿרען: ניטע, וועקט אים ניט אויף ...

3. און עס חלומט זיך אים
גאָר אַ נײַע מין וועלט,
אַזוי גרויס ווי די וועלט,
זעט ער, ציט זיך אַ פֿעלד;
ידן שנײַדן און זאַמלען
און בינדן דאָס ברויט,
דער זון זעצט זיך,
דער הימל איז פֿײַערדיק רויט.
און זיי רופֿן צו גאָט:
"מיט דײַן האַנט, מיט דײַן מאַכט,
מיט דײַן גדולה, אָ גאָט,
דײַן גבֿורה און פּראַכט,
האָסט אָפּגעטיילט טאָג פֿון נאַכט,
גרויסער גאָט!"
און דער באַרג און דער טאָל
זינגען אַלע "אחד!"

רעפֿרען: ניטע, וועקט אים ניט אויף ...

4. און עס חלומט זיך אים,
אַז ס׳איז יום־טוב אַצינד,
און ער זיצט אין דעק היים
מיט זײַן ווײַב, מיט זײַן קינד,
ס׳איז אַ ברכה פֿון גאָט -

ער האָט יום־טוב געמאַכט,
און ער שמייכלט צום קינד,
און ער קושט עס, און לאַכט.
און ער זאָגט צו צום קינד:
"דו ווייס קיינמאָל קיין נויט!"
און ער זאָגט צו דעם קינד:
ווייס קיין צער, קיין פּיין!"
און ער זאָגט צו דעם קינד:
"פֿאַר דיין קאָפּ זאָל מיר זיין!"

רעפֿרען: ניטע, וועקט אים ניט אויף ...

## שטיי אויף!

די זון שטייט הויך, די וועלדער בליִען,
פֿון צפֿון ווייט אַ קילער ווינט:
שטיי אויף מײַן האַרץ - ניט ווײַט איז ציון,
געשלאָגן האָט די שעה אַצינד.

כאָר: שטיי אויף, מײַן האַרץ, און האָב ניט מורא,
ניט יאָגן וועט נאָך דיר דער פֿײַנט -
פֿאַר דיר וועט גיין די הייליקע תּורה
און אויסגעשטרעקט וועט זײַן מײַן האַנט.

דו האָסט געַנוג, מײַן האַרץ, געליטן,
אויף יעדן שריט, אויף יעדן טריט;
האָסט ניט געהאַט קיין טאָג, קיין גוטן,
דו האָסט געַנוג פֿאַרגאָסן בלוט.

כאָר: שטיי אויף, מײַן האַרץ ...

דו האָסט געוויינט, דו האָסט געבעטן,
כ׳האָב דיר דערהערט אין מײַן געצעלט -
איך האָב צעבראָכן דײַנע קייטן,
איך האָב געעפֿנט דיר די וועלט.

כאָר: שטיי אויף, מײַן האַרץ ...

## די טעכטער ציונס זינגען

קאַנטאָר:
אוי, הער ישראל ! אָט דאָס איז אונדזער הייליקע תּורה,
פֿאַרבאָרגן אין איר ליגט דאָס הייליקע געבאָט.
די וועלט האָט געוואָלט אונדז פֿאַרשטויסן אָן מוראָ,
נאָר אַנדערש האָט גאָט מיט זיין ווילן געדאַכט,
גרויסער גאָט!
ס´גיסט מער קיין בלוט און דאָס האַרץ שלאָגט אָן
פּחד, אָן מורא. ..
פֿרײַ ביסטו אַצינד מיט דיין ווייב, און מיט דײַן קינד -
ווויל איז דיר!
די שׂמחה איז גרויס - ס´איז באמת אַצינד שׂמחת
תּורה!
ווי העל שײַנט די זון - ס´איז אוממעגלעך צו קוקן
אין איר!

*די מיידלעך און קינדער מיט בלומען גייען אַראָפּ פֿון דעם באַרג.*
*זיי האַלטן בלומען און גירלאַנדעס. זיי טאַנצן און זינגען.*

די טעכטער ציונ´ס זינגען,
די זיסע לידער קלינגען,
ווי באַלד די לידער קלינגען -
בליט אויף ביז נאַכט דאָס פֿעלד.

די זון קומט צו דערמאַנען
די נאַכט: "אַוועק פֿון דאַנען -
איך מוז די וועלט באַשיינען...
אָן מיר איז ניט קיין וועלט!"

*טענץ*

די הימלען זײַנען אָפֿן,
די נאַכט איז ווייט אנטלאָפֿן -
מיט לעבן און מיט האָפֿן

ווערט ליכטיק דאָרט אין וואַלד...

די טעכטער ציונ´ס זינגען,
די זיסע לידער קלינגען,        .
ווי באַלד די לידער קלינגען,
דאַן פֿרייט זיך יונג און אַלט.

די זון שטייט הויך, די וועלדער בליִען,
דער ירדן וויגט זיך שטילערהייט.
און דער לבנון קוקט אויף ציון -
די אַלטע מוטער וויינט פֿאַר פֿרייד.

## שוואַרצע וואָלקנס זע איך

שוואַרצע וואָלקנס זע איך ציִען,
גאָט ווייס וווּהין זיי גייען ...
אפֿשר גייען זיי קיין ציון,
דאָרט די מאַמע צו זען ...

זי צו זען און איר צו זאָגן
פֿון דעם האַרץ אַרויס,
ווי מיר וויינען און ווי מיר קלאָגן,
און ווי דאָס חיות גייט אַרויס.

אײַנגעהילט אין אַ דעקטוך, אַ שווערן,
זיצט די מאַמע אויף דער ערד -
דאָ זיצט זי שבעה און גיסט הייסע טרערן,
גאָט האָט אַוודאי געהערט.

דעק אָפּ דײַן דעקטוך, טייערע מאמע,
לאָז אונדז דיך צו זען,
אַז דו וויינסט אַזוי ביטער - מן הסתּמא
איז אַן אומגליק געשען.

ווי זאָל איך ניט וויינען, ווי זאָל איך ניט קלאָגן,
און זיצן דאָ אויף דעם אָרט -
אַז מ´האָט געהאַרגעט, געקוילעט, געשלאָגן
מײַנע קינדער דאָרט?

## די נאַכט

ס׳איז פֿינצטער, פֿינצטער, וואָלקנס שטייען,
זיי האָט דער קאַלטער ווינט געבראַכט;
אין הימל איז קיין שײַן צו זען,
אַראָפּגעלאָזט האָט זיך די נאַכט.

פֿאַרלוירן האָט די וועלט איר נאָמען,
פֿאַרפֿינצטערט ליגט זי, ווי ז׳איז גרויס;
פֿאַרוויאַלעט ליגן אַלע בלומען,
געשטאָרבן ליגט די לעצטע רויז.

די ביימער פֿון דעם וואַלד, דעם אַלטן,
זיי האָבן זיך צו דר׳ערד געלענט,
די חיות האָבן זיך באַהאַלטן,
און, אוי, דער מענטש האָט זיך צעוויינט.

וואָס קען די נאַכט דעם מענטשן געבן?
וואָס קען איר געבן וויסטע קעלט?
פֿאַרוויסט, פֿאַרפֿינצטערט איז דאָס לעבן,
פֿאַרוויסט, פֿאַרפֿינצטערט איז די וועלט.

די שיין, דער טאָג האָט זיך פֿאַרבאָרגן.
עס וויינען, קלאָגן בערג און טאָל:
צי קומען וועט אַ מאָל דער מאָרגן?
צי קומען וועט דער טאָג אַ מאָל?

ווי לאַנג וועט זײַן דער טאָג פֿאַרבאָרגן?
"וואָס הערט זיך, וועכטער, מיט דער נאַכט?"
דער וועכטער זאָגט: "עס קומט דער מאָרגן,
ווי לאַנג עס זאָל זײַן די נאַכט ..."

**נאָך איר**

ניט אַזוי דער טאָג, דער שיינער,
האָט מיך צוגעצויגן,
ווי דיין פּנים, דימענט ריינער,
דײַנע זיסע אויגן.

ניט אַזוי די זיסע בשׂמים
פֿון די גרינע וועלדער,
ווי דײַן שיינקייט אונטער בלומען
אויף די ווײַטע פֿעלדער.

ניט אַזוי די טרויער־טענער
פֿון די הימל־שטערן,
ווי דײַן ליד, וואָס האָט פֿון שטיינער
אויסגעריסן טרערן.

ס׳לעצטע מאָל האָסטו געזונגען -
וואָלט איך דעמאָלט וויסן!
האָסט דאָס האַרץ מיר דורכגעדרונגען
און עס אויסגעריסן ...

איז דאָס אומגליק פֿאָרט געקומען,
מיך צו דר׳ערד געבויגן,
און אויף אייביק צוגענומען
מיינע זיסע אויגן! ...

דו האָסט מיר געזונגען לידער,
כ׳וועל זיי שוין ניט הערן,
פֿון דעם לייד, פֿון דיינע ברידער
און פֿון זייערע טרערן.

וואָס זשע שײַנט דער טאָג, דער שיינער,
און די הימל־שטערן?
אַז איך בין געבליבן איינער,

איך מיט מײַנע טרערן ...

## די וועלט

קוקט אייך צו צו דער וועלט, צו דער שיינער:
זי איז יונג און זי שײַנט און זי בליט;
שוין באַזונגען די וועלט האָט ניט איינער
אין זײַן פֿריילעכן, רוישנדן ליד.

פֿון איר טיף ביז די ליכטיקע שטערן
גייט אַ פֿריילעך געזאַנג אויף דער וועלט;
באַרג און טאָל גיסן פֿריידפֿולע טרערן,
יעדעסביימעלע פֿרייט זיך און קוועלט.

און די זון גייט דאָ קיינמאָל ניט אונטער,
און זי קוקט פֿון דעם הימל אַראָפּ;
בלומען בליען אי זומער אי ווינטער,
און די צווײַגן - זיי וויאַנען ניט אָפּ.

דער מענטש לעבט זיך אין פֿרייד, אין נחמה,
אויף דערויף איז דאָס לעבן געשטעלט;
אוי, די וועלט איז אַ יונגע נשמה,
ווייל ס´איז יעדע נשמה אַ וועלט.

קוקט אײַך צו צו דער וועלט, צו דער שיינער:
זי איז אַלט, זי איז מאַט, זי איז מיד;
שוין באַקלאָגט האָט די וועלט ניט איינער
אין זײַן טרויעריק, וויינענדיק ליד.

אין איר טיף ליגן אוצרות פֿאַרבאָרגן:
ס´איז דאָ דימענטן, פּערל - אַ שרעק ...
נאָר איר האַרץ איז פֿאַראוּמערט מיט זאָרגן,
שטענדיק ווײנט זי און קלאָגט אָן אַן עק.

פֿון די אוצרות - וואָס קען פֿון זיי ווערן?
אַז דאָס לעבן איז ביטער און שווער!
יעדער דימענט צעגייט זיך אין טרערן.
יעדער פּערל צעגייט אין אַ טרער ...

דער מענטש פֿירט מיט דעם גליק אַ מלחמה,
נאָר דאָס גליק איז פֿאַרהאַנגען, פֿאַרשטעלט ...
אוי, די וועלט איז אַן אַלטע נשמה,
ווייל ס׳איז יעדער נשמה אַ וועלט.

## דאָ אויף דער פּריזבע

דאָ אויף דער פּריזבע בין איך געזעסן
און איך האָב אַ פֿייגעלע געזען,
עס האָט זיך זײַן קערנדל רויִק געגעסן,
געזונגען, געשפּרונגען מלא חן.
אָבער איך זיץ דאָ באַוואַשן מיט טרערן,
עמערווייז צאַפּט זיך פֿון מיר דאָס בלוט;
גאָטעניו, זאָלסט מײַן תּפֿילה דערהערן,
וואָלסט מיך גענומען צו זיך די מינוט.

ווײַן־סוחרים זיינען צום טאַטן געקומען,
און איך האָב געהערט וואָס זיי האָבן געשמועסט,
דו האָסט אַן אַנדער ווײַב דיר גענומען
און מיינע יאָרן פֿאַרוויסט.
דו האָסט געלאָזט מיך מיט צוויי פּיצלעך קינדער,
און דאָס דריטע איז אונטער דעם האַרץ;
זיי זוכן, זיי פֿרעגן יעדער באַזונדער:
-ווּו איז דער טאַטע? - גרויס איז דער שמאַרץ.

איך קען מיר קיין אָרט דאָ אַצינד ניט געפֿינען,
אַזוי האָסטו מיין וועלט פֿאַרשטערט;
נעם איך מיר רויטע פֿעדער שפּינען,
ווערן זיי שוואַרץ אַזוי ווי די ערד.
פֿון מײַנע טרערן, פֿון מיינע ווייען,
גייען מײַנע כוחות צוביסלעכווייז אויס;
וויל איך דעם קינד אַ פּאָר העמדלעך נייען,
קומען פֿון זיי תכריכים אַרויס ...

אָבער געדענקסטו, וואָס דו פֿלעגסט מיר זאָגן,
אַז ס´האָבן מיט מיר געוויינט די ווענט;
שטיינער און ליים האָסטו צוגעזאָגט טראָגן -
היינט טראָגסטו זי דאָרט אויף דיינע אייגענע הענט.
אָבער דו מיינסט, אַז איך בין שטאַרקער פֿון אייזן
און אָן דיר איז מיר דאָס לעבן ליב?

צוגעזאָגט האָסטו אַ וועלט מיר צו ווײַזן
און האָסט מיר אָנגעוויזן אַ גרוב.

דאָ אויף דער פּריזבע בין איך געזעסן
און איך האָב אַ פֿייגעלע געזען,
עס האָט זיך זיין קערנדל רויִק געגעסן,
געזונגען, געשפּרונגען מלא חן.
אָבער איך זיץ דאָ באוואַשן מיט טרערן,
עמערווייז צאַפּט זיך פֿון מיר דאָס בלוט;
גאָטעניו, זאָלסט מײַן תּפֿילה דערהערן,
וואָלסט מיך גענומען צו זיך די מינוט.

**דער שטיין**

אין אַ סטעפּ, ווו ווינט און קעלטן
יאָגן מיט געוויין,
איז געלעגן, ווײַט פֿון וועלטן,
עלנט, וויסט, אַ שטיין.

עלנט איז ער דאָרט געלעגן,
צו דעם אומגליק גרייט ...
מיט אַ טרויעריקן ניגון
האָט דער ווינט געווייט.
אַ - - - אַ - - -
האָט דער וויינט געווייט.

ניט געוווּסט האָט ער פֿון פֿריידן
אויף דער וויסטער ערד,
קיינער האָט פֿון זײַנע לײַדן
אויף דער וועלט געהערט.

נאָר דער הימל מיט די שטערן,
מיט אַ שטיל געוויין,
האָבן דאָס מיט הייסע טרערן
תּמיד צוגעזען.
אַ - - - אַ - - -
תּמיד צוגעזען.

און אַז ס׳פֿלעגט שטאַרק פֿינצטער ווערן
און אַ ווינט פֿלעגט וויען,
פֿלעגן טרערן פֿון די שטערן
פֿאַלן אויף דעם שטיין.

יאָרן, טעג זײַנען פֿאַרגאַנגען,
טרערן מער און מער -
און דער שטיין איז זיך צעגאַנגען
אין אַ שטילער טרער ...
אַ - - - אַ - - -

אין אַ שטילער טרער...

גיב די האַנט, איך וועל דיר זינגען,
ס´איז דאָס לעצטע מאָל...
זאָל דאָס ליד אין האַרץ דורכדרינגען -
וויינען בערג און טאָל.

טרערן ליגן אין די לידער,
אויפֿן האַרץ אַ שטיין ...
אוי, איר, וועלטן! אוי, איר, ברידער!
הערט איר מײַן געוויין?
אַ - - - אַ - - -
הערט איר מײַן געוויין?

# אויף דעם אַלטן בית עולם

אויפֿן אַלטן בית עולם, טיף שפּעט אין דעם נאַכט,
ווען דער ווינט האָט געבלאָזן מיט רעש און מיט מאַכט,
איז אַ יונגע אַלמנה געשטאַנען אַליין
און געבראָכן די הענט מיט אַ ביטער געוויין.
ניט מיט פּערל און גאָלד האָט געשימערט איר קלייד,
ניט מיט פּערל און גאָלד איז׳ס געווען באַנייט,
אויף איר פּנים, דעם בלאַסן, פֿאַרשטיינערט און שווער,
זײַנען טרערן געהאָנגען - אַ טרער נאָך אַ טרער.

זי האָט געבראָכן די הענט און געוויינט: ווײ איז מיר!
עפֿן גיכער מײַן קבֿר, גאָט, נעם מיך צו דיר!
שוין אַ וועלט איז פֿאַראומגליקט - ס׳איז אַ מורא צו זען ...
הער, די קבֿרים וויינען אַ ביטער געוויין,
כ׳טראָג מיין גורל מיט טרערן פֿון תּמיד און שווער,
כ׳טראָג מיין גורל, דעם שווערן, נאָר כ׳קען שוין ניט מער,
כ׳קען ניט צוזען דעם ווייטיק, די אָפֿענע ווונד
פֿון דער אָרעמער מוטער, די טרער פֿון דעם קינד.

אוי, איר יִדישע טרערן, פֿארזאָדן מיט בלוט,
אוי, איר יִדישע טרערן – ווו זייט איר דען ניט?
ווי פֿאַרפֿרוירן, פֿאַרקאָוועט פֿון ווינט און פֿון קעלט,
וואַקסן אויס פֿון אייך שטיינער, פֿון שטיינער - אַ וועלט!
אַזוי האָט די אַלמנה געוויינט אָן אַ שיעור,
פּלוצים זעט זי אַ מלאך - ער שטייט נעבן איר;
זי פֿאַרדעקט איר בלאַס פּנים פֿאַר שרעק מיט די הענט,
און דער מלאך האָט זיך צו דעם אומגליק געווענדט:

- אוי, ניט וויין און ניט יאָמער, דו, אומגליקלעך האַרץ!
כ׳בין געקומען אויף פֿליגלען דיר שטילן דיין שמאַרץ;
כ׳בין געקומען צו דיר, נאָר איך פֿלי באַלד צוריק ...
כ׳בין דאָס גליק אין דעם לעבן - אין לעבן דאָס גליק!
איך וויל קומען אַ מאָל צו דער זינדיקער וועלט,
ווו די זון איז פֿאַרהאָנגען, די זון פֿאַרשטעלט,
איך וויל ברענגען מיט מיר, איבער בערג, איבער טאָל

דעם גן־עדן - באַגליקן די ערד נאָך אַ מאָל!

מיט דעם וואָרט איז דער מלאך צום הימל צוריק,
ס´איז געבליבן דאָס אומגליק - אַוועק איז דאָס גליק,
אויפֿן אַלטן בית־עולם, שפּעט, טיף אין דער נאַכט,
האָט ניט אויפֿגעהערט זיפֿצן דער ווינט מיט זײַן מאַכט.
אויף דעם הייליקן אָרט בין איך ווידער געווען,
און אַ שוואַרצע געשטאַלט האָב איך דאָרטן געזען,
כ´האָב די אַלטע אַלמנה בײַם קבֿר דערקענט,
זי האָט ביטער געוויינט און געבראָכן די הענט.

## חד־גדיאָ

.1 לאָמיר זינגען דאָרט און דאָ -
משה, נעם דעם פֿידל!
דעם חד־גדיאָ, חד־גדיאָ,
זינג דאָס אַלטע לידל.
כאָטש דאָס לידעלע איז אַלט,
וועט עס ווערן יינגער באַלד...
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

ציִ די סטרונעס אַלע אָן,
ווייל דאָס לידל הייבט זיך אָן -
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

. 2 יעדער ווייס דאָס, גרויס און קליין,
אַזביים אַלטן טאַטן
איז אַ ציגעלע געווען...
הערט אַ משׂא־מתּן:
קומט אַ קעצל, ס׳איז ניט פֿויל,
כאַפּט דאָס ציגעלע אין מויל,
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!
כ׳האָב נאָך געהערט אין וויגעלע
דאָס לידל פֿון דעם ציגעלע,
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

.3 טוט זיך פֿון דער קייט אַ ריס
אַ פּיסקאַטע הינטל,
טוט דאָס קעצעלע אַ ביס
יאָגט גלײַך ווי אַ ווינטל.
יאָגט אויף אַלע פֿיר צוריק,
איבער וואַסער אָן אַ בריק,
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!
יאָג זיך טראָג זיך הינטעלע -
ניט תּמיד ווייט אַ ווינטעלע ...
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

4. וואָס ס׳איז ווייטער דאָרט געשען,
וועל איך אייך באַלד זאָגן:
קומט אַ שטעקעלע צו גיין,
כאַפּט דאָס הינטל שלאָגן ...
דאָס הינטל שרײַט, ס׳איז אַ געוואַלד,
ביז עס ווערט אַנטשוויגן באַלד,
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!
שטעקן, שטעקן, שטעקעלע,
פֿון יעדער זייט אַן עקעלע,
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

5. קומט דאָס פֿײַער אויפֿן אָרט,
פּשוט מיט סכּנות,
און צוברענט זיך דאָ און דאָרט,
גאָר אומבערחמנות.
ביז אין הימל גייט דער רויך,
און פֿאַרברענט דאָס שטעקעלע אויך,
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!
פֿײַער, פֿײַער! אוי, עס בריט ...
אוי דאָס לעבן קאָכט און זידט ...
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

6.- האָט דאָס וואַסער דאָס דערזען
אוי, די הילף איז טייער -
קומט דאָס וואַסער גלײַך צו גיין,
און פֿאַרלעשט דאָס פֿייער ...
ווי ס׳איז נאָר געווען אַ פֿונק,
איז פֿאַרלאָשן באַלד אַלצדינג ...
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!
וואַסער, וואַסער! גיס און גיס!
ווּ דו לויפֿסט, גיב אָפּ אַ גרוס ...
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

7. קומט אַן אָקס, אַליין ניט גרויס,
נאָר מיט הערנער גרויסע,
טרינקט דאָס גאַנצע וואַסער אויס,

ווי מען טרינקט אַ כוסע.
מיט דער צונג זיך שטאַרק באַלעקט -
ס´האָט די כוסע אים געשמעקט,
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!
אָקסן דאָ און אָקסן דאָרט,
אָן אַ לשון אָן אַ וואָרט...
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

8. קומט דער שוחט פֿעט ווי שמאַלץ,
מיט אַ שאַרפֿן מעסער,
מאַכט דאָס מעסער איבערן האַלדז -
בלוט רינט גאַנצע פֿעסער ...
נאָר אַ כריפּ האָט מען געהערט,
ליגט דער אָקס שוין אויף דער ערד ...
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!
שוחט, שוחט - גרינגע האַנט -
ס´גיסט זיך בלוט אין גאַנצן לאַנד ...!
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

9. קומט דער מלאך־המות צו גיין -
ער האָט געפֿונען אַ קרבן -
האָט דער שוחט אים דערזען,
איז ער האַלב געשטאָרבן.
דער שוחט וויינט און פֿרעגט "פֿאַרוואָס?"
האָט ער באַקומען אַ שנעל אין דער נאָז,
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!
דער מלאך־המות קלאַפּט אין דער טיר:
- עפֿן, עפֿן, איך קום נאָך דיר! ...
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

10. לאָזט זיך גאָט אַראָפּ אַליין -
ער טרײַבט ניט קיין קאַטאָוועס -
האָט ער אויף דער ערד דערזען
דעם אַלטן מלאך־המות ...
גאָט האָט זיך צוגערירט צו זיין שויס,
איז פֿון מלאך געוואָרן אויס,

חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!
גאָט איז צוריק אין הימל אַרויף,
יעדעס לידל האָט אַ סוף.
חד־גדיאָ, חד־גדיאָ, חד־גדיאָ!

## מיט איין בליק

מיט איין בליק
איז מיין גליק
מיט דיר אַוועקגעפֿלויגן ...
ווו איך שטיי
און ווו איך גיי,
שטייסטו פֿאַר מײַנע אויגן;
אי דאָ, אי דאָרט,
אויף יעדן אָרט,
דערמאַן איך דיך, מײַן לעבן -
וואָס וואָלט איך ניט געגעבן,
איך זאָל טאָן אויף דיר אַ קוק?

אומעטום
בלאָנדזשע איך אַרום
און זע בלומען שיינע ...
וואָס כ´האָב אַ מאָל,
אויף באַרג און טאָל,
געזען אין מיין לעבן -
וואָס וואָלט איך ניט געגעבן,
איך זאָל טאָן אויף דיר אַ קוק?

## די באָבע

כ´ליג און טראַכט,
טאָג ווי נאַכט,
גאָט זאָל מיך דערהערן -
ביסט שוין באַלד
צוואַנציק אַלט,
צייט אַ חתן ווערן.
אונדזער שטאָט
איז אַ סאָד,
וואַקסן דען ניט בלומען?
קלײַב דיר אויס
פֿון זיי אַ רויז,
מיר צוליב, בנימין.

צירעלע, מירעלע,
גאָלדענע צוויי קינדער,
גיטעלע, ריטעלע -
כ´זאָג דיר גאָר אַ וווּנדער!

פּערעלע, שׂערעלע -
גאָר צוויי שיינע טויבן,
פּעסעלע, גנעסעלע,
וואָס איז דאָ צו קלויבן?

חנהלע, ברײַנעלע -
אוי, אַ דימענט יעדע ...
רחלע, ברכהלע -
הימל־שטערןביידע!

כאַנטשעניו, שפּרינצעניו
קענען גאָר געפֿעלן
ריקעלע, מיקעלע -
פֿאַרן קייסער נאָר צושטעלן!

כ´ליג און טראַכט

טאָג ווי נאַכט,
וואָס איז דאָס מיט דיר, בנימין?
ביסט שוין באַלד
צוואַנציק אַלט,
און ביסט אַ בחור נאָך, בנימין!
אונדזער שטאָט
איז אַ סאָד,
פֿון הוילע שיינע בלומען ...
קלײַב דיר אויס
פֿון זיי אַ רויז,
מיר צוליב, בנימין.

## די באָבע גייט אַ טאַנץ

כ׳גיי און טראַכט
אָט די נאַכט -
גאָט, ווי האָסטו מיך דערהויבן!
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
וויל איך זיסער גאָט דיך לויבן!
אַז די ברכה קומט פֿון אויבן,
האָסטו שוין מײַן האַרץ דערהויבן ...
און מיט פֿריידפֿולן געזאַנג
בוק איך מיך צו דיר מיט דאַנק,
אַז די ברכה קומט פֿון אויבן,
האָסטו שוין מײַן האַרץ דערהויבן ...
אַז מען רופֿט דיך - וואַרטסטו ניט לאַנג.
אַ טאַנץ! אַ טאַנץ!
דער באָבען קומט אַ טאַנץ!
אוי, קינדער מײַנע,
איך האָב צו גאָט קיין טענה,
אויף אַלע אײַערע וועגן -
זאָל גאָט אייך גיין אַנטקעגן!
אַז די ברכה קומט פֿון אויבן,
האָסטו שוין מײַן האַרץ דערהויבן ...

איך בין שוין אויך געווען
יונג און שיין -
אוי, איר מעגט מיר אלע גלייבן!
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
פֿלעג איך זינגען, טאַנצן, שוועבן.
אוי, איך קען אײַך זאָגן, כ׳לעבן,
אַז אַ טאַנץ איז אונדזער לעבן ...
אַז מען טאַנצט זיך גאָר גוט אָן,
מוז מען ענדיקן דעם קאָן.
אוי, איך קען אײַך זאָגן, כ׳לעבן,
אַז אַ טאַנץ איז אונדזער לעבן ...

אַ טאַנץ! אַ טאַנץ!
דער באָבען קומט אַ טאַנץ!

אוי קינדער מײַנע,
איך האָט צו גאָט קיין טענה,
אויף אַלע אײַערע וועגן -
זאָל גאָט אײַך גיין אַנטקעגן!
אוי, איך קען אײַך זאָגן, כ´לעבן,
אַז אַ טאַנץ איז אונדזער לעבן ...

כאָטש כ´בין באַלד
אַכציק אַלט -
נאָר ס´גייט ניט אין די יאָרן!
כאָטש ניט יונג,
מוזסטו גרינג
אויף דעם ים - אין לעבן פֿאָרן!
לאָזן כוואַליעס איבערן גאָרן -
קוק ניט אויף די אַלטע יאָרן!
נענטער אַלץ צו גאָט אַרויף,
און אַזוי ביז אין דײַן סוף.
לאָזן כוואַליעס איבערן גאָרן -
קוק ניט אויף די אַלטע יאָרן!
אַ טאַנץ! אַ טאַנץ!
דער באָבען קומט אַ טאַנץ!

אוי קינדער מײַנע,
איך האָב צו גאָט קיין טענה,
אויף אַלע אײַערע וועגן -
זאָל גאָט אייך גיין אַנטקעגן!
לאָזן בוואַליעס איבערן גאָרן -
קוק ניט אויף די אַלטע יאָרן!

## דעמ אָדלערס קלאָג

איך האָב אויך אַמאָל גרויסע פֿליגל געהאַט ...
כ´פֿלעג פֿלִיען אַהער און אַהין.
הײַנט ליג איך און בין פֿון דעם טויט שוין ניט ווײַט.
איך קאַן מיך ניט רירן, ניט פֿליען ...
אַרויסגעצאַפּט האָט מען פֿון מיר שוין דאָס בלוט.
קיין פֿליגל ניטאָ ... קוקט אַהער!
וואָס טויג מיר מײַן לעבן? איך וויל עס שוין ניט:
אַז כ´האָב מײַנע פֿליגל ניט מער!

כ´פֿלעג פֿליען, מיך הייבן ביז אין הימל אַרויף,
דורך וואַלד, איבער בערג, איבער טאָל ...
כ´פֿלעג אַראָפּלאָזן מיך צו דער ערד, אויף דערויף
כ´זאָל צום הימל צוריק נאָך אַ מאָל...
הײַנט ליג איך געקאָוועט, געפּענטעט גאַנץ גוט,
אַ זיפֿץ טאָן - אי דאָס איז מיר שווער...
וואָס טויג מיר דאָס לעבן? איך וויל עס שוין ניט
אַז כ´האָב מײַן פֿליגל ניט מער!

קינדער, אוי, זאָגט מיר, ווּו זענט איר אַצינד?
אָפּגעריסן זענט איר פֿון מיר!
ווי רייסט מיר מײַן האַרץ, און ווי ווייי טוט מיר מײַן ווּוּנד,
און ווי רינט פֿון מיר בלוט אָן אַ שיעור
אוי, קומט גיך צו פֿלִיען, און שטילט מיר מײַן בלוט,
נעמט־צו, אוי, מײַן לעצטע טרער!
וואָס טויג מיר מײַן לעבן? איך וויל עס שוין ניט:
אַז כ´האָב מײַנע פֿליגל ניט מער ...

# אויף קידוש השם

כ´ליג דאָ אין פֿײַער,
ס´ברענט אַרום מיר -
פֿאָטער געטרײַער,
כ´שטאַרב דאָ פֿאַר דיר.
פֿינצטער די שטערן
אין דײַן געצעלט,
ס´גיסן זיך טרערן
דורך אויף דער וועלט.

*כאָר:* די וועלט וויל אַ קרבן-
ווײנט אַלע מיט;
דער גוף איז געשטאָרבן,
די זעל אָבער ניט!

די הענט אין קייטן
הייב איך קוים אויף;
די אויגן זיי בעטן
גיכער דעם סוף.
לייגט אונטער פֿײַער,
גיסט אונטער אויל!
נאַכט, ביסט מיר טײַער:
-שמע ישראל!

*כאָר:* גאָט דו ביסט איינער! -
זאָגט אַלע מיט.
ס´ברענען די ביינער,
די זעל אָבער ניט!

וויי, ווען דאָס לעבן
קיין מאָל געלאַכט!
ווען וואָלקנס שוועבן,
יאָגן די נאַכט ...
ווייסט דאָך דער מינדסטער
דאָס וואָס איך זאָג;

תּמיד ווערט פֿינצטער
איידער ס׳ווערט טאָג.

כאָר: די וועלט וויל אַ קרבן - ...

ס׳גייט אויס דאָס פֿײַער,
שטיל שלאָגט דאָס האַרץ ...
פֿאָטער געטרייער,
כ׳פֿיל ניט קיין שמאַרץ.

דו האָסט געגעבן,
דו נעמסט צוריק ...
שווער איז דאָס לעבן,
שטאַרבן אַ גליק.

כאָר: די וועלט וויל אַ קרבן - ...

ס׳שײַנט דאָרט אַ מורא -
שרעק ניט, מײַן זעל,
גיט מיר די תּורה -
שמע ישראל!
נאָנטער, ברידער,
נאָענט איז גאָט,
הימלשע לידער
זינגען: א ח ד!

כאָר: די וועלט וויל אַ קרבן - ...

## נעבן קלײזל

-גוט מאָרגן, משה, דיר!
וט מאָרגן, יענקעלע, דיר!- ג
- וואָס הערט זיך עפּעס, משה, בײַ דיר?
- איי! וואָס זאָל זיך הערן בײַ מיר?
דאָס לעבן איז צוקער־זיס:
איך ווער פֿאַרשוואַרצט פֿון דעם קאָפּ ביז די פֿיס.
דאָס לעבן בייגט. דאָס לעבן ברעכט.
איך וויין. איך בין אפֿשר גערעכט?

-גוט מאָרגן, משה, דיר!
- גוט מאָרגן, יענקעלע, דיר!
- וואָס הערט זיך עפּעס, משה, בײַ דיר?
- איי ! וואָס זאָל זיך הערן בײַ מיר?
איך הונגער אַ גאַנצע וואָך,
ניט לאַנג וועל איך שלעפּן נאָך ...
דאָס ווײַב שרײַט: משה, ס´איז שלעכט!
דאָס ווײַב איז אפֿשר גערעכט?

- גוט מאָרגן, משה, דיר!
- גוט מאָרגן, יענקעלע, דיר!
- וואָס הערט זיך עפּעס, משה, ביי דיר?
- איי! וואָס זאָל זיך הערן בײַ מיר?
אין דער דירה איז נאַס און קאַלט,
דער באַלעבאָס וועט מיך אַרויסוואַרפֿן באַלד.
דער מוח טריקנט גאַנצע נעכט,
דער באַלעבאָס איז אפֿשר גערעכט?

- גוט מאָרגן, משה, דיר!
- גוט מאָרגן, יענקעלע, דיר!
- וואָס הערט זיך עפּעס, משה, בײַ דיר?
- איי! וואָס זאָל זיך הערן בײַ מיר?
דער פּריץ איז בײַ מיר געווען,
איך האָב אים געמוזט פֿאַרשטופּן די ציין,

איך וואַרף מיך, ווי אין וואַסער אַ העכט ...
דער פריץ איז אפּשר גערעכט?

-גוט מאָרגן, משה, דיר!
-גוט מאָרגן, יענקעלע, דיר!
- וואָס הערט זיך עפּעס, משה, בײַ דיר?
- איי! וואָס זאָל זיך הערן בײַ מיר?
איך בין קראַנק, איך שפּײַ מיט בלוט,
אין ביקור־חולים נעמט מען מיך ניט ...
איך שטאַרב, איך גיי אויס ווי אַ ליכט...
שאַ, ברודער, גאָט איז גערעכט!

## פּסח

-איך וועל אײַך דערציילן דאָ, קינדער, אַ מעשׂה,
וואָס ס´האָט זיך געטראָפֿן, אוי, הערט־אויס דאָ מיך!
וואָס ס´האָט זיך געטראָפֿן,
וואָס ס´האָט זיך פֿאַרלאָפֿן -
אוי, וויי, זיידעניו! אוי, וויי, זיידעניו, מיר הערן דיך.

מיר האָבן בײַם טיש די הגדה געזונגען.
פּסח געוועזן - אַ פֿריילעכער טאָג!
פּלוצים זעען מיר שטיינער פֿליען
אַהער און אַהין!
-אוי, וויי, זיידעניו, אוי וויי, זיידעניו, אַ יאָמער, אַ קלאָג!

-אַ שטיין איז אין אויג מײַן שׂרהלען געפֿאַלן...
דאָס קינד איז געווען פֿונעם טויט אויף אַ האָר.
זיי זײַנען דורך די פֿענצטער געקראָכן,
געריסן, געבראָכן...
אוי וויי, זיידעניו! אוי וויי, זיידעניו, וויי איז די יאָר!

-די בענקלעך געבראָכן, די קישנס געריסן,
דער פּוך איז געפֿאַלן ווי שניי אויף דער ערד ...
און מיט אַ פֿריילעכן ניגון
האָבן געפּײַפֿט און געשריגן ...
- אוי וויי, זיידעניו! אוי וויי, זיידעניו, אַן אומגליק באַשערט!

- זיי זײַנען באַפֿאַלן דעם גרויס בית־המדרש ...
ווי גרויס איז געווען און טיף אונדזער שמאַרץ!
די ספֿרים צעריסן,
פֿאַרפֿלעקט און צעשמיסן ...
- אוי וויי, זיידעניו! אוי וויי, זיידעניו, ניט רײַס אונדז דאָס
האַרץ!

- אַ רעגן האָט געגאָסן צו דער לוויה ...
אוי, ווער וועט פֿאַרגעסן דעם דאָזיקן טאָג?
אַז מ´האָט באַהאַלטן די ספֿרים,

האָבן געוויינט אַלע קבֿרים ...
- אוי וויי, זיידעניו! אוי וויי, זיידעניו, אַ יאָמער, אַ קלאָג!

**תּנחום דער טרובאַטש**

איך וויל אײַך דערציילן אַקוראַט
טאַקע מיט גרויס אָכאָטע,
ווי כ׳האָב געדינט פֿאַר אַ סאָלדאַט
אין די ערשטע ראָטע.

טראָם! טראָם! אַ יונגאַטש
בין איך געווען מיט ביינער,
מען האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ טרובאַטש,
איך האָב געשפּילט ווי קיינער.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
איך האָב געשפּילט ווי קיינער.

כ׳וויל אייך זאָגן, ס׳איז ניט גרינג
אויף דער טרובע צו טרובען,
דאָ מוז מען פֿאַרשטיין זיך אויפֿן וווּנק
און גוטע אויערן האָבן.

טראָם! טראָם! צו מאַכן "פּוי!"
כ׳לעבן, איז אַ סך גרינגער,
דאָ מוז מען שפּילן אָט אַזוי
און מאַכן מיט די פֿינגער.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
און מאַכן מיט די פֿינגער.

איך וויל ניט פֿאַרלייקענען פֿאַר אײַך,
איך פֿלעג מיך פֿריילעך פֿילן,
אַז איך פֿלעג שטיקלעך גאָר אַ סך
אויף מײַן טרובע שפּילן.

טראָם! טראָם! אין ערשטן ריאַד -
פֿלעג דער קאָמאַנדיר מיך שטעלן.
אַז איך פֿלעג שפּילן אויפֿן פּאַראַד,
פֿלעג דער קאָמאַנדיר אָנקוועלן.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!

פֿלעג דער גענעראַל אָנקוועלן.

אַז די דיוויזיע טיילט זיך אָפּ אויף צוויי,
גאַרניזאָנעס גרויסע,
און דער גענעראַל טוט אַ געשריי:
-"ספּראַווע, ווזוואָדאָם, סטרויסיאַ!"

טראָם! טראָם! דאָ פֿאַלט אַרײַן
די טרובע מיט אַ קול פֿון אײַזן,
און איר העלפֿט־אונטער דער באַראַבאַן,
ווי זינגערלעך דעם חזן.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
ווי זינגערלעך דעם חזן.

אויף די מאַניאָווּרעס איז אַזוי שווער,
גלײַך ווי אין אַ מלחמה;
סאָלדאַטן לויפֿן אַהין און אַהער,
פּינען מיט דער נשמה ...

טראָם! טראָם! דער מוזיקאַנט
טאָר זיך ניט זיין טועה,
דער גענעראַל טוט אַ מאַך מיט דער האַנט -
שפּילט ער שוין "ק׳אָטבּאָיוּ".
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
שפּילט ער שוין "ק׳אָטבּאָיוּ".

אַ מאָל מוז מען שלאָגן גאָר דעם פֿײַנט,
הינטערווײַלעכץ איז גלײַכער.
די סאָלדאַטן מיט דער ביקס אין דער האַנט
לייגן זיך אויף די בײַכער.

טראָם! טראָם! מ׳האָט אָנגעגרייט
גאַנצע פֿעסער מיט פּאָראָך,
דער גענעראַל הייסט שפּילן שטילערהייט,
מען זאָל ניט הערן קיין שאָראָך!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!

מען זאָל ניט הערן קיין שאָראָך!

דאָ לאָזן זיך די סאָלדאַטן פֿון דעם אָרט
גלײַך צו דער אַטאַקע.
באָמבעס, קוילן, דאָ און דאָרט
ס´איז אַ מורא טאַקע!

טראָם! טראָם! פֿון אויבנאָן
שפּיל איך און גיי אין פֿײַער,
פֿאַלן וועל איך לעבן דער פֿאָן,
וואָרעם זי איז מיר טײַער.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
וואָרעם זי איז מיר טײַער.

נאָך דער מלחמה אַרום שבֿועות,
האָב איך מיך אַהיים דערקליבן,
אַז רחל האָט דערזען, אַז איך בין אָן אַ פֿוס,
איז זי חלשות געבליבן.

טראָם! טראָם! ניטע וויין.
רחניו, מײַן לעבן.
דו זעסט דאָך אַז גאָט אַליין
האָט געראַטעוועט מײַן לעבן!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
האָט געראַטעוועט מײַן לעבן!

אוי, וויינען, רחלע, איז מיאוס,
לאָז איבער די טרערן אויף מאָרגן:
צי מיט אַ פֿוס, צי אָן אַ פֿוס -
דערפֿאַר וועט גאָט שוין זאָרגן!

טראָם! טראָם! דער קייסער אַליין
האָט מיר אַ מעדאַל געגעבן,
איך האָב אים זוכה געווען צו זען -
הונדערט יאָר וועל איך לעבן!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!

הונדערט יאָר וועל איך לעבן!

## די שיף

דאָרט, ווײַט, אויף דעם ים, אויף דעם גרויסן,
שטייט, גרויס ווי אַ מויער, אַ שיף;
מ׳זעט מענטשן פֿון אינען, פֿון אויסן,
גייען, לויפֿן, אַראָפּ און אַרויף.
איר וועט זיי אַוואַדאי דערקענען,
איר האָט זייער אומגליק געהערט.
זיי קלאָגן, ווי עלנט זיי זענען,
דאָס פּנים איז שוואַרץ ווי די ערד.

פֿאַרטריקנט, פֿאַרדאַרט אַלע גלידער,
פֿאַרמוטשעט פֿון הונגער, פֿון נויט -
ס׳זייט איר מײַנע אָרעמע ברידער,
איך לייען אויף אײַערע פּנים דעם טויט...
נאָר ביטערע טרערן כּסדר,
אַ לעבן פֿון צרות און זאָרג.
טיף שנײַדן דאָס וואַסער די רעדער,
זיי טראָגן די שיף קיין ניו־יאָרק.

דאָרט זיצט אַן אַלמנה אַ מוטער,
דאָס אָרעמע קינד אויף איר שויס,
זי ווײנט אַזוי שטאַרק, אַזוי ביטער,
צי ווייסט איר - איר אומגליק איז גרויס!
דאָרט, וווּ זי איז געוואַקסן, געבוירן -
פֿאַרלאָזט טאַטע־מאַמע אַליין ...
זי האָט זיי אויף אייביק פֿאַרלוירן,
זיי וועלן זיך שוין מער ניט זען!

אַ ייִד ווײנט מיט ביטערע טרערן,
פֿאַריאָמערט, פֿאַרוואָגלט, פֿאַרשמאַכט,
וואָס וועט מיט די קינדער דאָרט ווערן -
זיי בלאָנדזשען, ס׳איז פֿינצטער די נאַכט ...
- מיט וועם וועל איך ריכטן דעם סדר? -
ער האָט זיך צעווײנט אַזוי שטאַרק.
טיף שנײַדן דאָס וואַסער די רעדער,

זיי טראָגן די שיף קיין ניו־יאָרק.

דאָרט וואַלגערן זיך פּיצלעך קינדער,
אין פּנים קיין שום טיפּת־דם.
וואָס פֿרעגט איר? ס´אַוודאי אַ ווּנדער!
זיי מוטשען זיך מן־הסתּם:

דאָס שטיקעלע ברויט, יעדער ביסן,
קומט־אָן אויך דעם קינד מיט געוויין...
דאָס האַרץ האָט אויף שטיקער געריסן
די טרערן, די טרערן צו זען.

שוין אונטערגעגאַנגען די שטערן,
אַ וואָלקן רוקט־אָן אויף דעם אָרט -
דאָס זײַנען די ביטערע טרערן,
פֿאַרגאָסענע טרערן, אָט־דאָרט ...
כּאוֹר האָט געדאַוונט יעדער,
אַוועק איז דער צער און די זאָרג,
די זון האָט געשײַנט. און די רעדער -
די שיף שוין געבראַכט קיין ניו־יאָרק.

# אַ בריוו פֿון אַמעריקע

-טײַערע מאַמע, טײַערע מוטער,
דו מײַן טײַער, כּשר האַרץ!
צי ווייסט דו, ווי איך ווײן אַזוי ביטער
און ווי טיף איז דאָ מײַן שמאַרץ?
וואָס וואָלט איך ניט אַוועקגעגעבן,
איך זאָל טאָן אויף דיר אַ בליק!
איך וואָלט פֿאַר דיר געשטרעקט דאָס לעבן,
איך זאָל קומען צו דיר צוריק ...

נאָר ס´איז ניט די דאָזיקע יאָרן,
וואָס מען קען גיך טאָן אַלצדינג:
מאַמע, כ´קען צו דיר ניט פֿאָרן -
שרײַבן איז מיר דאָס ניט גרינג!
לאהניו לאָזט ניט, זי האָט מורא,
פֿאַר דעם "פּריזיוו" ציטערט זי,
און מײַן פּיצעלע קינד מײַן דבֿורה,
האַלט מיך מיט אירע הענטלעך צו.

אַז איך זע זי ווערט מיר גרינגער:
דו זאָלסט הערן ווי זי רעדט!
ווי זי ווײַזט מיטן גרויסן פֿינגער
אויף דער באַבעניוס פּאַטרעט...
און מײַן שיינער יונג, מײַן סאַני,
אַרבעט - גאָלדענע האָט ער הענט!
משה´לה זאָגט שוין "מודה אני",
רחלען וואָלסטו ניט דערקענט ...

דו דערמאָנסט זיי מן־הסתּמא
און דו בענטשסט זיי אַוודאי דאָרט ...
זיי גריסן, קושן דיך, טײַערע מאַמע,
זײַ געזונט! נאָר נאָך איין וואָרט :
יאָרצײַט האָבן מיר ערבֿ שבֿועות -
זאָלסט דו דאָרט דעם טאַטן זאָגן,
אַז איך שיק אים אָפּ אַ גרוס ...

-טײַערע מאַמע, טײַערע מוטער,
דו מײַן טייער, כּשר האַרץ!
צי ווייסט דו, ווי איך וויין אַזוי ביטער
און ווי טיף איז דאָ מײַן שמאַרץ?

## דער מאַמעס ענטפֿער

אוי, דײַן בריוו
האָט מיר טיף
דאָס האַרץ אויף צוויי צעשניטן;
גאָט אַליין
האָט געזען,
וואָס איך האָב געליטן.
יעדעס וואָרט
אין בריוו צו מיר
האָב איך אויסגעקושט באַזונדער;
איך בין געווען
נעבן דיר
און נעבן דײַנע קינדער.

גאָט וועט געבן,
מיר וועלן זיך זען -
גאָטס ווילן ווייסט ניט קיינער;
קומען וועט
דער טאָג צו גיין,
קומען וועט דער שיינער.
קומען וועט
דער טאָג צו גיין,
קומען וועט דער שיינער;
מיר זאָל זײַן
פֿאַר דיר, מײַן זון,
און פֿאַר דײַנע ביינער!

קינד, ניט קלאָג
און ניט וויין,
דו דאַרפֿסט דאָס האַרץ פֿאַרשליסן;
אויף דעם פֿעלד
בין איך געווען,
דעם טאַטן לאָזן גריסן.
דו, מײַן קרוין,
דו, מײַן האַרץ,

נעם צו דער מאַמעס ברכה;
אַזוי גרויס,
ווי דאָ מײַן שמאַרץ,
זאָל זײַן דײַן הצלחה!

זיי געזונט
מיט ווײַב און קינד -
איך בין דײַן טרײַע מוטער;
וואָס זשע ווײנסטו
אַזוי אַצינד,
באַקלאָגסט זיך אַזוי ביטער?

קומען וועט
אַ מאָל דער טאָג,
קומען וועט דער שיינער!
קינד ניט וויין
און ניט קלאָג,
פֿאַרשוין דער מאַמעס ביינער!

## ווי האַלט איך דאָס אויס?

ווי האַלט איך דאָס אויס - פֿאַרשטיי איך ניט, כ´לעבן.
ס´אַוודאי פֿון גאָט אַזוי שוין באַשערט.
בײַ יעדן איז יום־טובֿ דאָס שטיקעלע לעבן,
בײַ מיר איז דאָס לעבן שוואַרץ ווי די ערד.
פֿאַרוואָס און פֿאַר ווען - דאָס פֿרעגט שוין ניט איינער,
ס´פֿאַרענטפֿערט די קשיא: גאָט דו ביסט גרויס!
עס טריקנט אין מיר דער מאַרך פֿון די ביינער.
איך האַלט דאָס ניט אויס, איך האַלט דאָס ניט אויס!

ווי האַלט איך דאָס אויס - ס´אַוודאי אַ וווּנדער,
ווי כ´שלעפּ מײַנע שלאַפֿע, געשוואָלענע פֿיס,
ווי כ´בלאָנדזשע אַרום מיט מײַנע אָרעמע קינדער...
ווי איך גיי, ווי איך קום איז מיר פֿינצטער און וויסט:
דאָ טאָר מען ניט שטיין, דאָ טאָר מאָן ניט ליגן,
דאָרט נעמט מען פֿון מיר די כחות אַרויס ...
און אומעטום הער איך דעם אייגענעם ניגון:
-איך האַלט דאָס ניט אויס, אין האַלט דאָס ניט אויס!

אוי, יעדער פֿון אײַך, צי רײַך, צי אָרעם,
האָט אונדזער בית־עולם אָוודאי געזען.
דאָרט שטייען צעבראָכענע, פֿינצטערע קבֿרים,
און טיף פֿון די קבֿרים גייט אַ געוויין.
אַזוי אין צעבראָכן אין מיר יעדער אבר,
אַזוי די וועלט פֿינצטער, ווי זי איז גרויס...
אוי, דעק דיך אויף גיכער, מײַן פֿינצטערער קבֿר!
איך האַלט דאָס ניט אויס, איך האַלט דאָס ניט אויס!

## עס זינגט זיך ניט

אוי, ענטפֿערט מיר, איך בעט אײַך זייער,
וואָס האָב איך מיך אַזוי צעזונגען?
דאָס לעבן קומט אָן אַזוי שווער,
דאָס האַרץ ווערט אָקערשט ניט צעשפּרונגען.

אי דאָ, אי דאָרטן טריפֿט זיך בלוט ...
אוי, ווערט פֿאַרשטומט, איר, פֿריילעכע לידער!
דאָס לעבן איז פֿאַרביטערט, ברידער,
עס זינגט זיך ניט, עס זינגט זיך ניט.

**די זון**

די זון איז אויפֿגעגאַנגען,
עס שײַנט אין יעדן אָרט ...
מיט הימלשע געזאַנגען
פֿליִען פֿייגל דאָ און דאָרט.
הער! זיסע לידער קלינגען,
זיי נעמען דאָס האַרץ אַרויס ...
זיי קלינגען, זיי באַזינגען
די וועלט ווי זי איז גרויס.

ווי זאָל די זון ניט שײַנען,
די פֿייגל זיך נישט פֿרייען:
גאָט פֿירט אונדז אויס פֿון דאַנען,
אויס טרערן, אויס געוויין!
די הענט שוין אויפֿגעבונדן...
צעבראָכן ליגט די קייט...
דער גלות איז פֿאַרשוווּנדן,
פֿאַרשוווּנדן צער און לייד!

ביז וואַן די זון וועט זינקען -
דערלאַנגט דעם בעסטן ווײַן!
לחיים וועל איך טרינקען:
לאָז גאָט מצליח זײַן!
לחיים אונדזערע ברידער,
לחיים אונדזערע פֿרײַנד!
קלינגט הויך, קלינגט הויך, איר, לידער,
אויף תּמיד אַזוי ווי הײַנט.

די זון איז אויפֿגעגאַנגען,
זי שײַנט אין יעדן אָרט ...
מיט הימלשע געזאַנגען
פֿליִען פֿייגל דאָ און דאָרט.
הער ! זיסע לידער קלינגען.
זיי נעמען דאָס האַרץ אַרויס ...
זיי קלינגען, זיי באַזינגען

די וועלט ווי זי איז גרויס.

## שׂרה און רבֿקה

אַז איך בין געקומען קיין ראַכמעסטריווקע,
האָב איך דאָרט צוויי שיינע שוועסטערס געזען:
איינע האָט געהייסן שׂרה, די אַנדערע רבֿקה,
צוויי שיינע כּלות זענען דאָס געווען.
יעדע פֿון זיי האָט געהאַט אַן אַנדער מעלה,
דאָ האָט זיך פֿאַרדרייט מיר דער קאָפּ אויפֿן אָרט:
וועלכע פֿון זיי זאָל איך מיר נעמען פֿאַר אַ כּלה,
וועלכע פֿוןביידע זאָל איך געבן דאָס וואָרט?

אין שׂרהלעס אויגן קען מען גלײַך נישט קוקן.
ווי די זון אין תּמוז אַזוי שײַנען זיי.
זיי שמייכלען, זיי לאַכן, זיי ריידן, זיי קוויקן,
דאָס האַרץ, אַז זי טוט אַ קוק נאָר מיט זיי,
אָבער רבֿקהס אויגן ברענען ווי פֿײַער,
שוואַרץ ווי די קוילן, וואָס טיף אין דער ערד:
אַז זי הייבט זיי אויף, ווערט דאָס לעבן טײַער,
אַז זי לאָזט זיי אַראָפּ - האָט דאָס לעבן קיין ווערט ...

אַזעלכע ווי שׂרה געפֿינט איר ניט אין די ביכלעך,
גאָלדענע הענט האָט זי - איר זאָלט נאָר זען ...
זי האָט אויסגעהעפֿט פֿאַר זיך אַפּאָר גאָלדענע שיכלעך,
"אין זיי", זאָגט זי, "וועל איך צו די חופּה גיין".
רבֿקה האָט אין איין פֿרײַטיק אויפֿגענייט אַ קליידל,
און שבת האָט זי עס אָנגעטאָן צוליב מיר אין דער פֿרי ...
גליקלעך וועט זײַן דער, וואָס וועט נעמען אָט דאָס מיידל
ווער פֿאַרמאָגט איר שיינקייט? קוקט אײַך נאָר צו!

איך האָב אַ מאָל אַ סוד אין אוייער אײַנגערוימט שׂרהן -
האָט זי זיך צעוויינט ווי אַ פּיצעלע קינד.
"אַקעגן וואָס", פֿרעגט זי מיך, "ביסטו געקומען צו פֿאָרן,
צו וואָס האָט דיך געבראַכט אַהערצו דערווינט?"
אַז עס האָט זיך אין מיר צעשפּילט די ווילדע קליפּה,
האָב איך רבֿקהן איינגערוימט דעם אייגענעם סוד.

"נאַר! דו ווילסט אַ קוש? - שטעל פֿריר אַ חופּה!
איך בין דיר ניט האָפּקע, דו ביסט ניט פֿעדאָט!

כ´האָב געקלערט און געטראַכט, און געגעבן מיר עצות,
ביז איך האָב אַוועקגעלייגט די בושה אויף אַ זײַט;
אָט אַ פּנים מע מוז נעמען די פֿיס אויף די פּלייצעס,
אַזוי האָב איך געלערנט אין דער גמרא אַ פּשט.
פֿון דענסטמאָל אָן האָב איך מער ניט געקליבן,
נאָר שׂרהן און רבֿקהן געדענק איך גאַנץ גוט...
אוי, איך בין אַן אַלטער בחור געבליבן...
אויב איך האָב חרטה, פֿרעג מיך שוין ניט!

# טרערן

דו זאָגסט, אַז אין צווייען איז גרינגער צו קלאָגן,
צו וויינען אין צווייען ווערט גרינגער דער שמאַרץ -
אוי, ניטע, מײַן ברודער, ווי קענסטו דאָס זאָגן?
אין צווייען איז שווערער דאָס אומגליק צו טראָגן,
אַזעלכע טרערן פֿאַרקלעמען דאָס האַרץ.

איינס קען איך דיר זאָגן, איינס קען איך דיר שווערן:
מײַן האַרץ האָב איך אויסגעוויינט לאַנג שטילערהייט,
ווען קיינער פֿון אײַך פֿלעגט ניט זען מײַנע טרערן,
ווען גאָט נאָר אַליין פֿלעגט אין שטילן מיך הערן,
פֿלעגט גרינגער מיר ווערן מײַן צער, מײַן לײַד.

## אויף איר קבֿר

פֿון דעם ים דעם ווײַטן,
האָט מיך לײַד געטראָגן,
כ׳בין צו דיר געקומען
דײַן קבֿר צו באַקלאָגן.

אוי, כ׳בין אַלט, צעבראָכן,
מיד איז יעדער אבֿר,
פֿינצטער איז מיר, דינה,
ווי בײַ דיר אין קבֿר.

דאָרט, אויף דעם בית־עולם,
אויף דעם פֿעלד, דעם אַלטן,
האָט מען דיך געטראָגן,
האָט מען דיך באַהאַלטן.

דאָרט אַרויף, קיין דרום,
וויל איך מיך דערמאָנען,
צווישן אַלטע קבֿרים
איז דײַן שטיין געשטאַנען...

## וואָס מער ס´בלוטיקט מײַן האַרץ

וואָס מער ס´בלוטיקט מײַן האַרץ,
וואָס מער כ´פֿיל אין אים קעלט,
וואָס מער טיפֿער מײַן שמאַרץ -
איז מיר ווײַטער די וועלט ...

וואָס מער ס´בלוטיקט מײַן האַרץ,
וואָס מער לײַדן עס האָט,
וואָס מער טיפֿער מײַן האַרץ -
איז מיר נענטער אַלץ גאָט!

## דער פּאָדעם

די זון האָט זיך באַהאַלטן,
איר שײַן איז שוין ניטאָ.
איך ניי און ניי,
איך זע, איך זע
די נאַכט - זי איז שוין דאָ.
יעדער שטאָך מיט דער נאָדל
טוט מיר אַ שטאָך אין האַרצן...
קיינער ווייס נישט מײַן פּײַן
און מײַנע שמאַרצן.

דאָס פּנים, דאָס פּנים,
ווי דער טויט בלאַס;
דער פּאָדעם, דער פּאָדעם
פֿון טרערן נאַס.

דער טאַטע איז געשטאָרבן,
די מאַמע אין שפּיטאָל.
אין ניי און ניי,
איך זע, איך זע
איר ווייטיק אַלע מאָל.
כ´גיי מאָרגן צו דער מאַמען
אויף אַ גאַנצע נאַכט -
מאַמע, איך האָב דיר מײַן נשמה געבראַכט:

דאָס פּנים, דאָס פּנים ...

דוד האָט אָפּגעשיקט די תּנאים -
ווײ איז מײַנע יאָר!
איך ניי און ניי,
איך זע, איך זע
גענאַרט האָט ער מיך גאָר!
ער גייט אַן אַנדער מיידל.
אַ כּלה, יאָ, מיט געלט ...
וויסט און פֿינצטער איז מײַן וועלט!

דאָס פּנים, דאָס פּנים ...

בײַ דער שוועסטער אַרבעט
שטייט דודס בילד פֿאַר מיר.
אין ניי און ניי,
אין זע, איך זע
גליקלעך איז ער מיט איר!
נאָר וואָס איז זי דאָ שולדיק?
זי האָט דאָך אויך אַ האַרץ ...
אפֿשר פֿילט זי דעם אייגענעם שמאַרץ!

דאָס פּנים, דאָס פּנים ...

דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען,
נאָר ס׳גייט ניט אויס מײַן קלאָג.
אין ניי און ניי,
אין זע, איך זע
ס׳איז שוין געוואָרן טאָג.
אָפּגעריסן האָט זיך דער פֿאָדעם.
ווי מײַן האַרץ אויף צוויי ...
טרערן גיסן, טרערן טראָפּן אויף זיי.

דאָס פּנים, דאָס פּנים ...

## אויפֿן פּריפּעטשיק

אויפֿן פּריפּעטשיק
ברענט אַ פֿײַערל,
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט
קליינע קינדערלעך
דעם אַלף-בית.

זעט זשע , קינדערלעך,
געדענקט זשע , טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ;
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל,
און טאַקע נאָך אַ מאָל;
קמץ אַלף – אָ!

לערנט, קינדער,
מיט גרויס חשק-
אַזוי זאָג איך אײַך אָן;
ווער ס´וועט גיכער
פֿון אײַך קענען עבֿרי,
דער באַקומט אַ פֿאָן

לערנט, קינדער,
האָט ניט מורא,
יעדער אָנהייב איז שווער;
גליקלעך איז דער,
וואָס האָט געלערנט תּורה-
צי דאַרף דער מענטש נאָך מער?

איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פֿאַרשטיין,
וויפֿל אין די אותיות ליגן טרערן
און ווי פֿיל געוויין ...
אַז איר וועט, קינדער,
דעם גלות שלעפּן,
אויסגעמוטשעט זײַן,

זאָלט איר פֿון די אותיות כּוח שעפּן-
קוקט אין זיי אַרײַן!

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל,
און אין שטוב איז הייס.
און דער רבי לערנט קליינע
קינדערלעך
דעם אַלף-בית.

## דער שדכן משה-אהרן

וואָס האָט מען דאָ די וועלט צו נאַרן
און צו ריידן אַזוי פֿאַרשטעלט -
איך בין דער שדכן משה-אהרן,
און ס´שמט מיט מיר די וועלט.
מיך קען אי רײַך, מיך קען אי אָרעם,
איר קענט מיר גלייבן אויף מיין וואָרט,
אַז איר וועט פֿאָרן קיין צפֿון אָדער דרום -
טרעפֿט איר מיך תּמיד אויף מײַן אָרט.

אין די פּערעדניעס האָב איך פֿײַנט צו אַרן,
ס´מעג בײַם גרעסטן נגיד זײַן!
"ר´ משה-אהרן, ר´ משה-אהרן,
איך בעט אײַך, קומט אין זאַל אַרײַן!"
דאָ גיי איך מיט דעם קאַפּעליוש נאָך רער מאָדע,
דאָס העלפֿט צום שידוך גאָר אַ סך - .
הייבן חייב איך אָן צו פֿון דער פּאַגאָדע,
דערנאָך גיי איך איבער צו דער זאַך.

דאָ מוז מען וויסן ווי צו דרייען דעם שליסל,
אָט דאָס פֿאַרשטיי איך אַקוראַט,
דאָ מוז מען זײַן אַ דאָקטער אַ ביסל,
און טאַקע אַ שטיקל אַדוואָקאַט.
דאָ מוז מען וויסן אַלע סעקרעטן
און ווי דער דײַטש זאָגט: "זײַ ניכט דום!"
נעם איך אַרויס אַלע פּאָרטרעטן
און צעלייג מיך מיט מײַן קראָם...

נומער איינס: קוקט מיט מײַנע אויגן,
קיין מאָל ערגער זאָל ניט זײַן:
זי האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט דעם עלנבויגן,
קלוימערשט קוקט זי אין בוך ארײַן.
דאָ מעג מען אײַנשטעלן דאָס לעבן,
מען דאַרף נאָר האָבן אַ ביסל קוראַזש,
דאָ גיט מען פֿופֿציק טויזנט, כ´לעבן,

און אַ קוואַרטיר אין בעל-עטאַזש...

וואָס זאָגט איר עפּעס אויף דעם אַנטיקל,
אין אירע אויגן איז דאָ חן אַ סך,
איך וואָלט מיר גענומען אָט דאָס שטיקל,
איך זאָל זײַן אַ בחור, שווער איך אײַך...
נאָר זי איז משגע מיסתּמא,
איך קאָן איר ניט צוטרעפֿן אַקוראַט:
איך האָב איר געבן אַ דאָקטער, שרײַט זי: "מאַמע!
ניין, איך וויל דווקא אַ קאַנדידאַט!"

האָב איך איר אַ קאַנדידאַט געפֿונען,
איך האָב אים אויסגעקראַצט פֿון ארץ-ישראל -
שרײַט זי: "מאַמע"! - זי איז פֿון דעם זינען -
זי ווילביידע מיט אַ מאָל ...

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, גלייבט מיר אַלע,
ס´מאַכט זיך, איך ווער פּשוט צעדולט:
דאָ גיב אַ חתן, דאָרט אַ כּלה,
יענעם שיק צוריק דאָס בילד...
טאַטעניו! ביז מען דערלעבט צו הערן,
אַז חתן-כּלה האָבן זיך געזען,
קאָן מען גיכער משוגע ווערן
און פֿאַרלירן אַלע ציין ...

די קאָן נישט פֿאָרן - זי האָט באַקומען דעם קאַטאַר,
בײַ אים האָט זיך צעבראָכן אין וועג אַ ראָד,
די וויל זיך מיט אים זען אין טעאַטער,
...די אַנדערע - אין אויסלאַנד, אין אַ באָד
וואָס טויג אײַך דאָס פֿאָרן און דאָס ריפּען -
וואָלט דער ניט, כ´לעבן, בעסער געווען
לאָזן זיי גיכער שטעלן אַ חופּה
און זען וועלן זיי שוין במילא זען.

און אַז דער שידוך איז געלונגען
און איך האָב אין אים גאָר פֿאַרגעסן גאָר,

הייבן זיי מיך אָן גוט באַזינגען
און צו פֿאַרשעלטן מײַנע יאָר...
זיי הייבן זיך אָן בײַ די קעפּ צו רײַסן
און צו פֿאַרשעלטן דאָס געביין ...
לאָזן זיי זיך רײַסן, לאָזן זיי זיך בײַסן,
לאָזן זיי זיך אַרויסנעמען די ציין...

צי ווייסן זיי ניט, אַז גאָט זיצט אויבן
און פֿירט אונטן מיט זײַן גרויסער האַנט,
און מיך האָט ער צו דער מדרגה רערהויבן,
איך זאָל זײַן אַ שדכן אין גאַנצן לאַנד.

זײַט מיר געזונט, און טאַקע אַלע,
מיר וועלן זיך נאָך זען מן-הסתּם,
אַז איר וועט דאַרפֿן אַ חתן אָדער אַ כּלה,
קלאַפּט צו מיר אַ טעלעגראַם;
מיר וועלן, כ׳לעבן זיך ניט נאַרן -
איך האָב די סחורה, איר דאָס געלט...
איך בין דער שדכן משה-אהרן,
און ס׳שעמט מיט מיר די גאַנצע וועלט ...